STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06528

ZISHA LANDOY

Herman Gold

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זישא לאַנדוי

פון ה. גאָלד

ZISHA LANDAU

Monograph

by H. Gold

ALDINE BOOK COMPANY
1873-61st Street, Brooklyn, New York

Parish Press, 151 W. 25th Street, New York 1, N. Y.
PRINTED IN U.S.A.
10



אַריינפיר

וועגן דער מאָנאָגראַפיע, און וועגן אַ רעוויזיע. די היסטאָרישע וועגן פון דער רעוויזיע.

1. די מאָנאָגראַפיע פּרובירט וויַיזן די אידישע ליניע אין דער אידישער ליטעראַטור־קריטיק, אַנטקעגן יענער אַלגעמיי־נער, מער־אָנגענומענער ליניע.

2. געשריבן אין באַקאַנטן אידישן פּסוק־סטיל, פּרובירט זי אָנ־וויַיזן אַ רעוויזיע אין דעם אַנאַליז אין ליטעראַרישער אַר־בעט.

3. דער אידישער גאַנג איז ניט אַזוי שטאַרק זיכער מיטן עק־זאַקטן און איינזייטיקן אמת.

4. ניט אויפן הימל, און ניט הימליש, איז דער מענטשלעכער אמת, נאָר אויף דער ערד (אַזוי זאָגט זיך אין אַלטן אידיש).

5. אמת וואַקסט פון דר׳ערד און איז קיינמאָל ניט יענע הימ־לישע דאָגמע: איינס, נאָר (ווי רבי ישמעאל זאָגט): ריכטיק דרייצן. איין מאָל איז טאַקע אַזוי, אָבער צוועלף מאָל — שוין ניט אַזוי.

6. אַט דער אידישער שטריך רעדוצירט שטענדיק אָנגענו־מענע אמת׳ן, דאָגמאַטישע איינאיינציקייטן, צו מיסטישע, אַבסטראַקטע, לירישע, אפשר׳דיקע גלויבנס. פּירט היס־טאָריש שטענדיק יענעם מאָדערנעם אידישן ניי־מענטש צו בייטען אידעען, געטער, פאַרבן, און מאָדעס.

7. אַנטקעגן יענעם העלינישן צוגיי צו דעם מענטשנס עק־זאַקטן און זיכערן דערגרייך אין דער טעכנישער ליניע, אין

זיין פאָלקאָמענהייט פון קינסטלערישן טאַלאַנט, — מיר נע־מען דאָ דעם ניט־טעכנישן, אָבער אינטואיציאָנען דראַנג, יע־נעם שטראָם אין לעבן און געשיכטע, וואָס האָט מיט מענטש־לעכער קענטעניש אָדער גבורה אַ נאָענטקייט, אָבער ניט קיין פאַרבונד.

8. דער אידישער גאַנג פירט אַזוי, גאַנץ פאַרשטענדלעך, צו יענער אידישער, אַ ביסל ניט־פאַרשטענדלעכער פאָרם פון נבואה.

9. פאַרשטייט זיך, אַז אין דער מאָדערנער צייט ווערט די פאָרם גאַנץ פיין אויסגעלאַכט און אָפּגעשפּאָט. *)

10. אָנערקענענדיק די העלענישע וויכטיקייט פון דעם עגאָ־זיכערן הערא־צוגיי צום „גרויסן" מענטשנס קינסטלערישן בייטראָג, ווערט דאָ די וויכטיקייט פון אַ ווערק און אַ שרייבער גלייך געשטעלט אַנטקעגן סאָציאַלן פּאַן פון נויי־קייט: וואָס האָט ער מחדש געווען? וואָס לאָזט ער אונז הערן?

11. זיין איין־וויכטיקייט ווערט גלייך צונויפגעפּאַרט: ער אַנט־קעגן צווייטן, ווען ער טרעפט אין זיין סאָציאַלן באַריר. ער איז ניט איינער. ער איז אַ חבר.

12. און ניט נאָר אַ חבר פון איינעם; ניט נאָר איינס אַנטקעגן איינס. אַ סך מער. אַ סך איינסן.

13. נאָר ניט בטל ווערן ביי זיך, חבר. זיי קומען דיר ניט שטערן. ווען דו שטייסט אַנטקעגן זיי ,ביסטו אין אַ פּאַ־זיציע ווי איינער פון זיי.

---

*) פאַרגלייך דאָ דעם טראַדיציאָנעלן „מאָדערנעם" צוגיי: „זינט דער בית־המקדש איז חרוב, איז נבואה אַריבער צו די נאַראָנים".

14. גאָט האָט מיך געשיקט צו איך — איז יענער ריכטיקער, עקזאַקטער, אַמאָליקער אויסדרוק פאַרן שנורגאַנג פון יע־נעם איינעם, וואָס רעדט „זיין" אמת צו „זיין" צייט.

15. עס ווערן גלייך געצויגן די פעדעם, ווי אַזוי און פון וואַנען דו און דיין ווערק, חבר, זייַנען טיילן, און וואו אַהין זיי ציען, ווייטער אויסצוטיילן זיך.

16. גאַנץ קלאָר, גאַנץ דייטלעך זאָגט יעדער פאָדעם, ווייזט יעדער וואָרצל, יעדער נאָפּל פון וואָרט, יעדעס שטיקל בילד און פלעק פון פאַרב און קאָליר, וואָסער ווינטל ס'האָט גע־האָלפן די קאָמפּאָזיציע, און וואָסער ליניע פון קליי ס'האָט צונויפגעאייניקט אַ קאָמפּאָזיט פון אַ ווערק.

17. וואָרום דער מענטש איז אַ בוים אין פעלד (אַלט אידיש ווערטל).

18. נעם די העלענישע מאַכט, וואָס ווייזט פויסט; נעם די העלע־נישע מאַכט פון „גרויסן" מענטשן, וואָס ווייזט טאַלאַנט, און שטעל אַנטקעגן אַ בשר־ודם, וואָס נעמט אויף אַ קול, וואָס איז געקומען צו אים; אַ וואָרט, וואָס ווינטן מיט ווינטן רעדן, טאָג צו טאָג זאָגט.

19. אותיות, וואָס פליען, און ער כאַפּט זיי אויף.

20. אָט אַזוי, אַז מיר ווילן (ווייל קיין באַשטימט דאָגמאַטיש געזעץ איז, ווי געזאָגט, פאַר אונז דאָ ניטאָ), — זאָגן מיר, אַז די קאָמפּאָזיציע פון אַ אידיש ווערק איז ניט גלייך צו אַ ניט־אידיש ווערק.

21. אַנדערע געזעצן זייַנען דאָ גילטיק, אין אַ ריין־טראַדיציאָ־נעלן שטייגער, וואָס לאָזן זיך אַפילו ניט אַוועקרירן.

22. געזעצן, וואָס זייַנען גאָר אַפילו קיין געזעצן ניט, ווייל זיי זייַנען עלאַסטיש בייגעוודיק, בייטן אַלע מאָל פאָרמען און

וועגן אין שטראָם; בייטן קליידער, הייסט עס (אין אַלט־אידיש).

23. בייטן שפּראַכן, בייטן באַגריפן, בייטן דאָגמעס.

24. און אָט דער שטייגער ברעכט געזעץ. מנהג אַנטקעגן דין (זאָגט אידיש); ווי אַ שטראָם־פּלייצעניש.

25. און אַז מיר ווילן, זאָגן מיר אַפילו, אַז ווי אידיש אַ ווערק זאָל זיין, איז עס נאָר מאָדעלירט ניט־אידיש, האָט עס ניט קיין אידיש פּנים.

26. די שטרענגקייט פון אידישן סטיל און צוזאַמען מיט דער אידישער פאָרם זיינען נייטיק אין גאַנצן טאָן.

27. ווי גראָז, קומען אַרויס און וויאַנען אָפּ „גרויסע" ווערק, אויסגעאַרבעט מיט אַלע טעכנישע געזעצן פון „גרויסע" מייסטער, — נאָר דערפאַר, וואָס זיי זיינען ניט אידיש דורך און דורך, אין זייער גאַנצקייט.

28. באַשולדיק איך דאָ די גרויסע איגנאָראַנץ מער פון אַלץ, אין דעם אַזויאַלגעמיינעם איגנאָרירן דעם אידישן שטייגער.

29. גרויסע אידישע ווערק זיינען מער פאַרבונדן מיטן גרויסן חבר'שן סאָציאַלן דערגרייך, מיטן „ריכטיק דרייצן" אַנדערע דערגרייכן זייערע צו דעם אַרום, צו דעם שטראָם אין זייער אייגענעם גאַנג, צוזאַמען מיטן גאַנג פון עפּאָכע.

30. אידישע גרויסע ווערק זיינען דערפאַר נאָר די, וואָס גייען דעם נאַטירלעכן אידישן גאַנג, אין זייער וואַקסן פון רעכטס צו לינקס, וויזועל.

31. פון לינקס צו רעכטס איז דאָ דער אַבנאָרמאַלער פאַרקערטער גאַנג, וואָס קען נאָר ווייזן מענטשלעכע „קינסטלערישקייט", אָבער ניט אידישע מענטשלעכקייט.

32. אַ סך ווערק זיינען טאַקע אין אידיש פאַר׳משפּט צו אַ ניט־אידיש מענטשלעכקייט, און אַן אויסנאַם, אויסער דער מחנה אַרויס.

33. דאָ קומען אַריין שפּינאָזאַ, מאַרקס, פרויד, איינשטיין, און זייער גלייכן.

34. דער אידישער גאַנג, וואָס גייט שטענדיק פון רעכטס צו לינקס, קען ניט פאַרנעמען אין זיין געשיכטלעכן טאָן אַזאַ ליניע, וואָס קומט און גייט פון לינקס צו רעכטס.

35. מיר האָבן דאָ, אין אונזער מאָנאָגראַפיע,אַן אויסנאַם, אויף וואָס רבי ישמעאל׳ס אידישער גאַנג־שליסל גיט די דער־קלערונג.

36. דער אויסנאַם איז ניט קיין באַזונדערער עקזעמפּלאַר. צו דעם אויסנאַם באַלאַנגען ניט קיין אויסנאַם־געזעצן.

37. דער אויסנאַם שטעלט קיינעם ניט אין אַ באַזונדערער פּאָ־זיציע. אויסנאַם איז ניט פּריווילעגיע, נאָר פעלער.

38. אַ נאַטירלעכער געזעץ איז עס, אַז אין אַלע פאַלן זיינען דאָ אויסנאַם־פאַלן.

39. און אַפילו אַ נאַטירלעכער צוגיי, פאַרוואָס זיי זיינען אַזוי, און ווי אַזוי, און ווי מיר נעמען זיי.

40. יעדער אויסנאַם איז מייסטנס אַ רייך־פּערזענלעכער.

41. אַמאָל האָט מען אַזאַ פּערזענלעכן „זינדער״ גענומען צום כהן: אין סאָציאַלן געריכט אַריין; צו באַשטימען, ווי אַזוי דאָס וועט זיך אָפּרופן אויפן קרייז.

42. בית־דין, קהל, זאָל משפט׳ן.

43. דאָס געזעץ, אין אַן אַנדער קלייד, אין אַן אַנדער פאָרם, גילט נאָך היינט.

44. עס ווערט אַנאַליזירט, געבראַכט צום משפט פון קהל.

45. זאָל קהל זען, און משפט'ן (זאָגט אידיש).

46. דאָס גאָר אַלטע פרימיטיווע געזעץ גילט דאָ אויפן זעלביקן שטייגער, אין סאָציאַל־היסטאָרישן אינטערעס.

47. דער אויסנאַם איז גלייך מיט אַלע, וואָס זיינען גאָר קיין אויסנאַם ניט, וואָס ווערן געבראַכט אין סאָציאַלן קרייז אין צאָל אין גאַנץ; זיי קומען זיך רעגיסטרירן, מיט אַ בראַנד־אָפער. וואָס צו בראַנדן, און וואָס צו אָפערן.

48. דער כהן, אָדער קהל, אָדער גאַנצער קרייז רעפּרעזענטירט פון איינעם, נעמט אויף דעם בראַנד־אָפער ווי אַן איינציקע אינסטאַנץ, צוזאַמען מיטן איינציקן. כאָטש דער קהל־רעפּרעזענטאַנט איז דאָ אין אַ העכערער פּאָזיציע. ווייל די העכסטע אינסטאַנץ איז דאָ אין אַלע פאַלן אַ דריטער סופּרימער אינטערעס, וואָס איז אַלעמענס, און ניט איי־נעמס.

49. און ווער קען זיין אַ כהן? — אַלע פון שבט קענען. אַפילו אַן עם־הארץ. ווער קען זיין אַ תלמיד־חכם? — אַלע, אַפילו אַ ממזר. ווער קען זיין אַ רבי? — אַלע, אַפילו אַ תהלים־איד, אַ גראָבער־יונג, אויב נאָר ער מיינט עס ערנסט, קען אויפנעמען אַ פדיון, און אויסלייזן פון אַ צרה, און געבן אַ ברכה, און צופירן אַ מענטשן און יעדן איינעם, ווי זינדיק ער זאָל ניט זיין אין זיין אויסנאַם, — צו גאָט און צום גלייכן וועג (זאָגן אידן).

50. און אַלע דאַרפן גיין צום כהן. אַלע דאַרפן אַ רבי, אַ פּי־רער. ווי, ווי צו דעם דור, וואָס האָט פאַרלוירן זיינע פירער! און אין די טעג איז ניטאָ קיין כהן ביי אידן.

גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב,
און, היט מיין ליבסטער זאָב פון
אַלעם שלעכטס!
זאָל דיין געטלעכער ליבע אייער זיין
[illegible],
זאָל אייער די מלאכים [illegible]
באַגלייטן
און [illegible] טרייסט פון אייער
[illegible] ווערן.

קאַפּיטל א

זישא לאַנדוי, ריטער פון ניט־רעאַלן וואָרט. אַ כאַראַק־
טער, וואָס שטעלט זיך אין אַ פּאָזע אַנדערש, ווי פּאַקטן
שטעלן אים פאָר.

1. זישא לאַנדוי, אַ ריטער פון אידישן וואָרט.

2. די צייט פון ריטערלעכקייט איז איצט שוין היסטאָריש —
טראַדיציע. אין ניי־לאַנד אַמעריקע איז אַפילו די טראַ־
דיציע אַ פרעמדע, אַן אויסלענדישע. אַזוי אויך איז אי־
דיש דאָ פרעמד־היסטאָרישע טראַדיציע.

3. רעאַל־לעבן אַמעריקע, מיט פאַקטן אַנטקעגן אַלע מיט
פרעמדער טראַדיציע, שלאָגט גראָב אָפּ יעדן סימן פון יע־
נעם ריטער־מאַניער, וואָס לעבט־אויף פון אַלע זייטן ער־
געץ פאַר יעדן אויג, וואָס כאַפּט־אויף פאַרבן; יעדן אויער,
וואָס האָרכט אַ וואָרט־קלאַנג; יעדן נערוו, וואָס ציטערט־אויף
אַנטקעגן וואָרט־ניואַנס, אַנטקעגן וואָרט־שפּיל, וואָס מאַ־
ניעט לעבן, מאַניעט יענעם גלאַנץ פון נייעם בליאַסק, וואָס
רופט זיך קולטור.

4. אַ קליינער באַמערק. דער נאָמען קולטור איז דאָ זייער
פאַלש, און גיט צו אונזער באַטראַכט ניט איבער וואָס מיר
מיינען דאָ מיט דעם. אָבער דאָס באַלאַנגט שוין ערגעץ
שפּעטער. וועלן מיר נאָך עס אַמאָל באַרירן.

5. זישא לאַנדוי האָט געשריבן לידער, נאָר ניט געהאַלטן צו
מאַכן פון זיי אַ בוך, וואָס זאָל אים פאַרשטעלן אַזוי. האָט
אויך געשריבן פּראָזע־זשורנאַליסטיק, וואו אַ רעאַלער רוף

האָט שוין אָנגעוויזן, ווי ווייט רעאַל דאָס לאָזט זיך (ווייל ס׳האָט געהאַט גאַנץ ווייניק פון רעאַלן כאַראַקטער), — האָט דאָס אָנגעוויזן זיין באַרוף און דראַנג. אָבער זיין כאַראַקטעריסטישן אייגענעם טאָן פּרובירט ער צום ערשטן אין אַ זאַמלונג קאָמעדיעס: „עס איז גאָרניט געשען״.

6. אַ בוך, וואָס גיט דעם שליסל צו אַן אינטערעסאַנטן קאַפּיטל, וואָס הייסט: זישא לאַנדוי, דער ריטער פון אידיש־וואָרט.

7. פאַר דעם רעאַלן טייל פון פאַקט, וואָס הייסט אידיש־לעבן, וואָס מ׳קען גוט באַצייכענען: דער גוף פון פאַקט, פאַר אים מיינט אַ וואָרט גאָרניט מיט גאָרניט. ווערטער, ווערטער, ווערטער, — ווי אַ שעקספּיר־אַקטיאָר זאָגט עס אין זיין פּראָזע.

8. אמת, דער רעאַלער טייל שטעלט שאַרף מיט זיך פאַר גאַנצע ניין און ניינציק פּראָצענט פון פאַקט.

9. אָבער מיר נעמען אויף נאָך אַן אמת, אַ צווייטע זייט פון דער מטבעה, די שאַטנזייט, וואָס מיר קענען גוט אָנרופן: די נשמה פון פאַקט. די ניט־רעאַלע זייט, וואָס שטעלט אויך אַזוי צו, אַפילו ניט אַזוי שאַרף צום אויג, אָבער דאָך רעאַל — גאַנצע ניין און ניינציק פּראָצענט פון דעם פאַקט.

10. אַט די מינאָריטעט, די נשמה־זייט, לעבט (לפנים) ניט מיט יענע פאַקטן, וואָס רעאַליסטן ווייסן.

11. מעגן זיך אַנאַליטיקער און קריטיקער און פירער פון לעבן דאָ און אומעטום לאַכן, גוט און כשר, פון יענעם ניט־רעאַלן צוגיי פון „עס איז גאָרניט געשען״ —

12. אָבער די רעאַליסטן שפּילן די דאָ ראָלע פון בעל־הגוף: ווי ערנסט זיי זאָלן ניט זיין, זיינען זיי דאָך פּונקט אַזוי גוט און כשר שפּאַס ביי דעם ריטער פון וואָרט.

13. פאַר אים לעבט דאָס וואָרט גאָר אַן אַנדער לעבן, ווי יענע זעען.

14. דער ריטער הערט זיך צו און זיין גאַנצער סיסטעם הערט מיט. וואָרט מיט וואָרט, און עס שלאָגט באַלד אַ פאַלשער טאָן. אַ וואָרט שלעכט געשטעלט, איז פאַר אים אַ סקאַנ־דאַל!

15. כבוד פון וואָרט איז דאָ ניט קיין אידישיזם, ניט אַ פעטיש אַזאַ, וואָס קען געטראָגן ווערן, אַלע זאָלן אָנווייזן: אָט דאָס זיינען דיינע געטער, אידן!

16. פּרובירט, שטעלט צוזאַמען עטלעכע איינפאַכע אינטימע ווערטער און זעט, צי ס׳מיינט פאַר אימיצן מער, ווי פּראָזע.

17. אָט די דינסט פון ווערטער און צו ווערטער איז אין אידישן שטייגער ניט קיין פרעמדער צוגייַ, ניט ניי. גאָר אַמאָל האָט מען שוין געוואוסט, ווי מ׳קען מיט אַ וואָרט בויען אַ וועלט, און חרוב מאַכן אַ וועלט.

18. ס׳האָט גאַנץ טיף און אַ סך צו טאָן מיט טעאַטער־קונסט: באַלעבן אַ וואָרט מיט כאַראַקטער און אַקטיוו; ס׳האָט צו טאָן מיט מוזיק: געבן אַ טאָן צו קלאַנג; ס׳האָט צו טאָן מיט מאַלעריי: געבן פאָרם און סטיל דער אַבסטראַקטער פאַנ־טאַזיע.

19. זישא לאַנדוי האָט אָנגעפאַנגען מיט ליד. אָנגעפאַנגען ווי אַלע אָנפאַנגער — גאַנץ שוואַך. און אַפילו, ווען ער האָט שוין געהאַט פאַרנומען אַן אָרט, איז ער ניט ווייט אַוועק.

20. ניט צופרידן מיט זיך, האָט דאָס אָפּגעשפיגלט אויף זיין ניט־צופרידנשאַפט מיט אַלעמען. — אויף אַזוי ווייט, ווי אידיש וואָרט גרייכט.

21. מיט קלאַסישן סטאַנדאַרד ריטערלעכקייט, מיט אַריסטאָ־קראַטישער גראַציע און שאַרפקייט פון וואָרט־קלייבעריש־קייט און וואָרט־טרעפערישקייט, איז ער גלייך צו צו זיין באַרוף: פאַר דעם כבוד פון אידישן וואָרט!

22. דער אַריסטאָקראַט אין אידיש־ליד, ניט ווייל ער איז אַריסטאָקראַטיש אָנגעבלאָזן. ער האָט זיך גאָר פאַרנומען מיט גאַנץ שווער אַרבעטן, ווי אַ פּראָסטער אַרבעטער. אָבער זאָל דאָס וואָרט, זיין אידיש וואָרט, ניט זיין אַזוי אויסגעמאַטערט, ניט זיין אַזוי פאַדלע אַלט, אויסגעטאַפּט פון שווייסיקע הענט.

23. דאָס איז אַ געוויסער גראַד דערציאונג; אַ געוויסער אויס־וואַקסן אין פּעריפעריע, וואָס רייסט זיך אין אַקטיוו פון לעבן.

24. וויפל מענטשן גייען דען ווייטער אַוועק פון יענער יונגער, אינגלשער חדר־דערציאונג, וואָס דערציילט פון בוך אַרויס די מעשה פון ברייטן פאַרנעם פון אַ פּושקין, שעקספּיר, טאָלסטאָי, אָדער ישעיה און ביאַליק, וואָס איז דאָס העכסטע און גרעסטע אין ליטעראַטור פון שול־גראַד?

25. וויפל מענטשן שטעלן זיך עס ניט צופרידן מיט דעם סטאַנ־דאַרד און פּרובירן אַן אַנדערן?

26. אָט די געציילטע, וואָס פּרובירן ווייטער צו שטעלן אַ טראַט, — די קענען פאַרנעמען דעם דראַנג און רוף צום ספּע־ציעלן פלאַץ און מאָס פון יעדן וואָרט, ווי ער זאָל זיין, און וויפל פלאַץ ער זאָל פאַרנעמען אין רעלאַטיוו.

27. צווישן אַלע זיינע חברים האָט ער קיין איינעם אַזאַ ניט געפונען, *) מיט וועמען אויפצונעמען אָט דעם פּראָבלעם

---

*) מיט קאַליע טעפּער, אויף אַ קליינער ווילע, די קליינע אויסנאַם.

און אַנטוויקלען אים צו אַ רעאַליטעט. איז אים אויסגעקומען אַליין דאָס אַנצופאַנגען, אויף זיינע אייגענע, פּריוואַט־אינטימע, צו־אינטימע (ווייל ניט־דערוואַקסענע) פלענער אַליין פאַרמעסטנדיק זיך.

28. קומט אַזוי אַרויס דאָס יונגע קאַקעט־ריטערישע שלאַגוואָרט, אַפּמעסטנדיק די נייע יונגע אין אַמעריקע, אַנטקעגן יענעם סטאַנדאַרד פון „וואַרשעווער ליטעראַט, פּרץ".

29. מיטן פולן ערנסט, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, מיטן פולן שוואונג טרעפט עס ווי אַן ערשטע באַמבע, וואָס די נייע אידישע ליטעראַטור דאָ וואַרפט אויף יענעם סטאַנדאַרד דאָרט, טאַקע דאָ אויף אַ רעאַלן באָדן.

31. טראַדיציע אַנטקעגן טראַדיציע אַוועקגעשטעלט. דערציאונג אַלס אַ כּוח אין דראַנג צום ווייטער, אַנטקעגן אַ דאָגמע, וואָס שטערט אַט דעם דראַנג.

32. פּאַרטיקע פאַרשריפטן פון וואַרשע געבראַכט קיין נויאָרק, אָדער נויאָרק־טראַדיציע זאָל אפשר עפּעס נייער פּרובירן.

33. תלמידים און נאָכמאַכער פון אַלע סאָרטן דאָגמעס און שולן זיינען גוט צעשפּרייט אין יעדן אידישן ווינקל. אומעטום איז (און וועט שטענדיק זיין) גוט און באַקוועם נאָכצוקומען אין די פוס־טריט פון וואַרשעווער ליטעראַט, אָדער פון אַ בעל־מחשבות, און אַנדערע סטאַנדאַרד־לערער און פירער. דער אַנגעדרייטער זייגער קלאַפּט שוין פון לאַנג זיין אייביקן טיק־טאַק אַזוי.

34. ווי אַזוי זישא לאַנדוי איז אַרויף אויף דער טרעפּ; ווי קומט גראָד זישא לאַנדוי צו דעם באַרוף, און ווי דער דראַנג נעמט אים היסטאָריש צו פון ליד און פירט אים צו די וועגן פון „עס איז גאָרניט ניט געשען", — דאָס איז דער אינטערעס, וואָס וועט אונז צופירן צו זיין בוך קאָמעדיעס

און אונז ווייזן אַ כראָניק פון אידישער ליטעראַטור־געשיכ־
טע אין אַמעריקע.

35. מיר נעמען דאָס בוך פריער פון אַלץ ווי אַ מענטשלעכן דאָ־
קומענט, וואָס דאַרף מיט זיך פאָרשטעלן יענעם זישא
לאַנדוי, ווי ער האָט געוואָלט ווערן פאָרגעשטעלט.

36. אַלע זיינע חברים, און אַלע אַנדערע, האָבן פאָרגעשטעלט
זישא לאַנדוי, דעם פאָעט פון זיין ליד; און זיין ליד ווי
דער זישא לאַנדוי־סטאַנדאַרד אין ליד.

37. זיין אמת, ווי ער האָט עס געוואָלט, איז, אַז ניט דאָס איז
זישא לאַנדוי. דער אַנטאָלאָגיע־אמת איז ניט גאַנץ־אמת.

38. נאָכדעם ווי מיר וועלן זען, וואָס פאַר אַ זישא לאַנדוי דאָס
בוך זיינס שטעלט מיט זיך פאָר, וועלן מיר צוגיין צום
אַלגעמיינעם פאַרנעם פון בוך.

39. אַז אַ בוך שטעלט פאָר מיט זיך אימיצן, ווי יענער וויל,
איז דאָס אַ פאַרנעם.

40. פאַר אונז וועט קלאָר ווערן, פאַרוואָס אַלע זיינע חברים, און
אויך אַלע אַנדערע, האָבן זישא לאַנדוי געפונען אין זיינע
לידער, און ניט, ווי ער האָט געוואָלט, אין בוך קאָמע־
דיעס.

41. פאַרוואָס ער האָט איבערגעלאָזן זיינע לידער און גענומען
די קאָמעדיעס פלאַנעווען?

42. וואָס די קאָמעדיעס שטעלן מיט זיך פאָר, אַלס פערזענלע־
כער דאָקומענט, אַלס אַמעריקאַנער בייטראַג, אַלס וויכ־
טיקער עטאַפּ אין עטאַבלירן זישא לאַנדויס אייגנאַרט־
פּלאַץ אין דער אידישער ליטעראַטור.

43. דאָס וועט אונז אַ סך העלפן צו פאַרשטיין דעם גאַנצן גאַנג פון דער אידישער ליטעראַטור אין איר ערשטן קאַפּיטל אין אַמעריקע, און אויך איר ווייטערן גאַנג.

44. ווייל אַמעריקע מיט אַלע נייע שווערקייטן אַלס ניי־לאַנד פאַרן אידישן וואָרט צייכנט זיך ניט באַזונדערס אויס, צו פאַרלאַנגען אַן אַנדער פּערספּעקטיוו און אַן אַנדער צוגיי, —

45. וועט דאָס אונז שווין געבן אַן אינטערעסאַנטן שליסל צום גאַנצן וועלטלעכן פאַרנעם פון דעם, וואָס הייסט ליטעראַטור, אין אַלגעמיין.

46. אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, כאָטש זי האָט אירע ספּעציפיש־פאַרגעשטעלטע כאַראַקטעריסטיקס; אידישע לי־טעראַטור אין אַלגעמיין, מיט אירע גאַנץ שאַרפע קאָנ־טראַסטישע פיזיאָנאָמישע הויפּט־ליניעס, — איז אין תוך אַ טייל פון וועלטלעכן שטייגער, וואָס רופט זיך ליטעראַטור.

47. ווי אַזוי שפּילט דער כאַראַקטער פון אידישן וואָרט זיין ראָלע אין שאַפן אידישן סטיל? ווי אַזוי שפּילט דער אי־דישער סטיל זיין ראָלע אין קאָנצערט פון פאַרבן אין דער וועלט־ליטעראַטור?

48. ווי אַזוי דער שאַרפער אידישער שטייגער נעמט אָן זיין וועלטלעכן כאַראַקטער —

49. אַנטקעגן יענעם וועלטלעכן כאַראַקטער־פאַראַלעל, וואָס נעמט אָן אידישן כאַראַקטער, —

50. דאָס וועט זיין דער ציל פון אונזער אויפגאַב, מיט דעם בוך קאָמעדיעס: „עס איז גאָרניט ניט געשען”, פון זישא לאַנ־דוי.

איך בין דער מאַן פון ליד

איך בין אין גאַס געגאַנגען
און גאָרניט ניט געזען,
ווי ס'וואָלט פאַר מיינע אויגן
אַ גרויע וואַנט געווען.

ס'איז ניט קיין וואַנט געוועזן,
דער וועג געווען איז פריי.
נאָר גאַס און לייט און הייזער
גיי איך כמעט פאַרביי.

ס'איז ניט געוועזן טרויער,
וואָס האָט מיין ליכט פאַרשטעלט.
אין טיפעניש פון האַרצן
אַ קוואַל האָט אויפגעקוועלט.

און וואָס איך האָב פאַרנומען,
און וואָס איך האָב געהערט, —
צו הערן און פאַרנעמען
איז מיר געווען באַשערט.

מיין בלוט אַ שטראָם אַ טיפער,
אַ פאָדעם אָן אַ קנופּ,
איז איינס פאַר טויזנט דורות
אי פאַר אי נאָך מיין גרוב.

כ'האָב נאָך אייך וואָס צו זאָגן,
נאָר זאָגן וועל איך ניט.
איר זייט די לייט פון מעשים,
איך בין דער מאַן פון ליד.

(זייט 213 אין זישא לאַנדויס לידער)

קאַפּיטל ב

דאָס בוך קאָמעדיעס — אַ רעזולטאַט פון 20 יאָר זוכן פאַרב און פאָרם אין פּערפעקציע.

1. אונזער צוגיי צום בוך איז גלייך אין אָנהייב אַ וואַרם־פּערזענלעך־אינטימער, ווי צו אימיצן, וואָס ברענגט ספּע־ציעל פאַר אונז עפּעס.

2. ער איז געווען הייס פאַראינטערעסירט דאָס צו ברענגען צו אונז. מיר, פאַרקערט, זיינען עפּעס גאָר קאַלט געווען. ווי אַזוי דערקלערט זיך דער שאַרפער קאָנטראַסט?

3. און ער איז דאָך געווען אַזוי שטאַרק באַליבט אין זיין קרייז, צו וועמען ער האָט דאָס צוגעבראַכט. און דער אַרעאַל פון טראַדיציע האָט אים דאָך שוין היסטאָריש צו־געפירט צו דער צייט אַפילו צו אַ סך אַנדערע, צו וועמען ער האָט געוואָלט קומען מיט דעם. ער איז אָבער כמעט ווי ניט צוגעקומען.

4. וואָס אַזוינס האָט דאָ געשטערט?

5. געווען אין אים אַזאַ סובטילע פּערפעקציע, וואָס האָט אינ־טריגירט; וואָס האָט אים אין מייסטע דערשיינונגען פאַר־געשטעלט ווי כמעט געוואונטשן, אויב ניט נאָך מער. געוואָלט האָט ער אויך אין כאַראַקטער שטענדיק זיין אַזוי סובטיל־פּערפעקט ווי נאָר מעגלעך. ווי ווייט איז עס צו־געקומען צו זיין לעצטן באַגער, אויסגעפירט מיט זיין לעצטן בוך, מיט זיין איינאיינציקן?

6. צוואַנציק יאָר אַרבעט ליגט אין דעם. אַלצדינג, וואָס ער האָט סטימולירט פון פריער, האָט ער אין דעם בוך גע־וואָלט אַרויסברענגען, און געוואָלט דאָס ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. וואָס זשע האָט ער געגעבן?

7. מיט דער מאָס, קומען מיר צו איינער פון אַזעלכע גראַנ־דיעזע דערשיינונגען, וואָס זיינען אפשר צו גרויס געווען אין זייער פערספעקטיוו?

8. זיינען עס אַ סך דאָ איינציקע פאָרשטעלונגען מיט אַזאַ פאַרנעם, מיט אַזאַ פאַרלאַנג און מיט אַזאַ אָרעאָל?

9. אין אַלגעמיין איז דאָ עפּעס ניט גלאַטיק. אַ גאַנצע עפּאָכע שליסט זיך אָפּ מיט דעם בוך.

10. און עפּעס ווי די גאַנצע עפּאָכע ווערט דאָ מיט דער האַנט אָפּגעווישט, און „עס איז גאָרניט ניט געשען".

11. איז אפשר די צייט ניט צוגעפּאַסט איצט צו באַטראַכטן אַזאַ גרויסע דערשיינונג, ווי עס איז אַ מאָנומענט פון אַ גאַנצער עפּאָכע, וואָס האָט זיך אַזוי גענומען צוואַנציק יאָר צייט אַוועקצושטעלן.

12. וועלן מיר נאָכגיין די וועגן צו דער אַרבעט, צו דער צייט, צו זיין קרייז און צו אים.

13. אָט די פּערפעקציע זיינע האָט שטענדיק געצילט צו אַזוינס, וואָס איז ווייטער פון סטאַנדאַרד; צו אַזוינס, וואָס זאָל אים סופּערלאַטיוו ברענגען ערגעץ.

14. ווי אַזוי האָט דאָס געפירט צו דעם בוך? און וואו אין אַלגעמיין האָט עס געזאָלט פירן, און געפירט?

15. איז דער סופּערלאַטיוו דער איינציקער אמת? האָט דאָס אים געפירט, אָדער האָט ער עס אַזוי געפירט?

16. דער פּערפעקטער זישא לאַנדוי, ווי מענטשן האָבן אים געקענט, האָט באַדאַרפט אַליין זיך שוין קענען; דער זישא לאַנדוי האָט קלאָר געזאָגט, אַז אויב אַ בוך, — זאָל עס זיין פּערפעקט. און מער ווי איין פּערפעקט איז ניטאָ.

17. קען אַ אידיש פּערפעקט בוך זיין ניט פּערפעקט אידיש?

18. (אידיש אין תוך; ניט אין אויבערפלאַך).

19. וואָס איז די ווערט פון אַ פּערפעקטן בוך, וואָס מאַכט דאָס צו טייער און צו גרויס, עס זאָל באַהאַלטן ווערן פאַר זיך אין אינטימלעכקייט און צווינגט, מ'זאָל דאָס אַרויסגעבן צו אַנדערע?

20. און ווי ווייט קען גיין אינטימיטעט מיט פּערפעקציע?

21. זישא לאַנדוי, דער ריטער פון אידיש־וואָרט, איז נאָכגע־געגאַנגען דעם ריין־אינטימען וואָרט, אין איין ציטערן פאַר זיין כבוד. האָט ער פאַר פּערפעקציע פאַרבויגן עפּעס?

22. דאָס איז געווען ווי אויסצוואוואַקסן אין איין זייט — נאָכ־צוגיין עפּעס דאַאיקעס; און אין דער צווייטער זייט — דערגרייכן עפּעס ניט־דאַאיקייט.

23. פאַרבונדן רעכטס מיט לינקס. צוויי גלייכע ליניעס ער־געץ איינגעבויגן.

24. וואָס פאַר אַ חלק האָט דאָ דער קרייז זיינער, און די צייט, און ער?

25. דער קאָמפּאָזיט ווי אַזאַ'ן אַרבעט שטייט פאַר אונז. דער מענטש ווי אַזוי ער שטייט פאַר אונז. די צייט, און יע־דעס ברעקל דאָ באַזונדער. אַפילו זיין אינטים פאַמיליע־לעבן.

26. די כמעט אומבאַהאָלפענע פערזענלעכקייט און איר גרייכן אַ סופּערלאַטיוו, ווי זי העלפט זיך דאָ אַרויס און קומט כאַראַקטעריסטיש אין דעם קאָמפּאַקט אַריין און אַרויס.

27. ווי זיינע אַלע פעלערן מיט די פערפעקציעס האָבן זיך פאַר־מירט אין איין קאָנסטרוקציע, געוויקלט פון צייט, קרייז, רוים.

28. ווי זיין פאָרם פאָרמירט זיך אין ליניעס. ווי געשטאַלטן ווערן פון דעם, און ווי זיי פירן אים, און וואו.

29. ווי זיין כאַראַקטער ווערט דאָ סאָציאַליזירט אין אַזאַ'ן אײנ־טימען פאַרלאַנג פון קאָלעקטיוו.

30. ווי ער ווערט נאַציאָנאַליזירט מיט דעם דראַנג פון שטילן באַגער, וואָס קריגט פאָרם פון דעם גאַנצן קאָנצעפּט.

31. זאַכן ווערן דאָ געמאַכט פאַר אונזערע אויגן גאַנץ אָפן. ס'איז קיין סוד ניט.

32. אָנווייזן זיינען דאָ און דאָרט פאַר יעדן איינעם גאַנץ מענטש־לעכע, ווי סופּערלאַטיוו זיי זאָלן ניט זיין.

33. נאָר ניט נעמען דעם אין באַנאַלן סטאַנדאַרד, וואָס איז שטענדיק דאָ אַ פּאַרטיקער צו מעסטן אַלצדינג און אַלעמען.

34. אַ מענטשלעכער צוגיי, אַ פערזענלעכער. יעדער מענטש איז סיי ווי אַ באַנאַלע זאַך, אָבער אַ לעבעדיקע זאַך פאַרן אויג.

35. אַ לעבעדיקע זאַך אויפגעפּאַסט מיט אַן אויג פון לעבן. ניט פון סטאַנדאַרד־אויג, וואָס טראָגט ברילן.

36. דער סטאַנדאַרד איז אין אַלגעמיין אפשר גאָרניט שולדיק. אַ פיינער סטאַנדאַרד. נאָר דאָ פּאַסט ער ניט.

37. מענטשנס קאַפּריזן זיינען אַ סך מאָל ווייטער פון דעם וואויל־באַקאַנטן סטאַנדאַרד.

38. אַ מענטש מאַכט זיך אַ סך מאָל זיין אייגענעם סטאַנדאַרד. טאַקע נאָכן סטאַנדאַרד, וואָס אַלע קענען, און כמעט אין דער זעלבער פאָרם.

39. גאָרניט אַזוי שווער נאָכצוקומען און זען, ווי אַ לעבעדיקער סטאַנדאַרד גייט נאָך אַ מענטשן, גאַנץ כאַראַקטעריסטיש, און ווערט זיין אייגענער סטאַנדאַרד.

40. גאָרניט אַזוי שווער צו זען, ווי עס בייט זיך אַזוי אַמאָל אַ סטאַנדאַרד, אַט ווי דער טאָג בייט זיך.

41. אַלע טעג זיינען פּאָרט אַזוי צו אַזוי אין איין סטאַנדאַרד.

42. וואָס אַ מענטש זאָל פון זיך ניט וועלן מאַכן — אַ מענטש איז ער.

43. זיין פּנים האָט אַלע שטריכן פון סטאַנדאַרד־פּנים. קוקט זיך צו. ס'איז ניט אַ פּנים; ס'איז זיין פּנים.

44. די קונסט צו קוקן אין פּנימ'ער, ווי די קונסט צו קוקן אין ווערטער, אין טעג, איז ניט אַזאַ שווערע, וואָס פאָדערט אַ סך אָנשטרענג.

45. אָן אויג, און אַ מענטש, קען דאָס באַווייזן, ווען נאָר ער וויל.

46. און ווילן איז אידעאיש פאַרבונדן מיט קאַפּריזן, מיט לע־בעדיקע טאָג־טעגלעכע רעגונגען, וואָס גייען אין מענטש־לעכע טריט.

47. די אינטימע פּריווילעגיע נאָכצוגיין אַ מענטשן איז ניט אַלע מאָל די זאַך פון איין סטאַנדאַרד —

48. וואָס שטייט ווי אַ תורה, קיין האָר ניט געמינערט, אַלע זאָלן נאָכגיין און נאָכפאָלגן.

49. מעג שיינען די תורה און באַלויכטן אונזער פּריווילעגיע באַכצוגיין אין לעבן געוויסע מענטשלעכע קאַפּריזן.

50. נאָר ווען איר שיין הערט אויף; ווען די ליכט פון דער הייליקער תורה פאַרגייט אַהינטער אונזער נאָכגיין נאָך אַ מענטשנס קאַפּריזנעם בלאָנדזשען נאָך אַן אייגענער תורה, וואָס זאָל אים אויפלויכטן, — הערן מיר נאָך אַלץ דעם לעבעדיקן קאַפּריז רופן צו אונז אין דראַנג צו נייע תורות, צו נייע טעג, און מיר גייען אים נאָך.

גלידער

אָ, וויפל זאָגן אונז די גלידער פון אַ מענטשן! —
אַ האַנט, וואָס עמיץ לייגט אַזוי זיך אויף די קני,
אַ האַלז, אַן אַקסל, וואָס דו האָסט באַגעגנט
אין רווישיקן קאַפע, אין טראַם, צי. אין טעאַטער.
ווי אָפטמאָל טרייסלען אויף דאָס האַרץ אונז ליפּן,
וואָס קומען אונז אַנטקעגן אומגעריכטערהייט;
עס רעדן האָר און בייכער, ס׳רעדן בליקן
אַזוינס, וואָס ווערטער קאָנען ניט!
ווי מאַכן ציטערן דאָס האַרץ אונז פיסלעך,
די לייכטע פרויען־פיס, וואָס שוועבן אָפט פאַרביי!
דאָך איך האָב ליב נאָר די, וואָס זיינען גראָב און אומגעלומפּערט;
אָן גוטע פריינד, אָן אַלטע בריוו דערמאָנען זיי,
און אויך אָן דער, וואָס שענקט אונז אונזער לעבן.

(זייט 150 אין זישא לאַנדויס לידער)

קאַפּיטל ג

ווי זישא לאַנדוי וואַקסט־אויס פון דאָגמע־סטאַנדאַרד אין זיינע לידער ביזן אייגענעם סטאַנדאַרד אין די קאָמעדיעס.

1. ווי אַזוי און פאַרוואָס איז דאָ אַרייַנגעקומען דער פּראָצעס פון וואַקסן, פון ווייטער וואַקסן? וואָס זיינען די קוואַלי־טעטן און אייגנשאַפטן אין אַלגעמיין פון דעם פּראָצעס?

2. די פּערזענלעכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון זישא לאַנדוי האָבן דאָ, ווי געווייַנלעך, אַ גאַנץ באַשרענקטן פּלאַץ. אַ סך מער אפשר פאַרנעמען דאָ די אַלגעמיינע צייט און פּלאַץ אומגאַבן און אומשטאַנדן, וואָס נעמען צו־זאַמען ענערגיע מיט אַלע פעדעם פון רעגונג און געלעגנ־הייט.

3. דאַרף זיין אַ קראַפט, וואָס זאָל אַנטרייבן די כוחות צום ווייטער וואַקסן.

4. אַנדערע כאַראַקטערן און פאַקטן שטעלן זיך אָפּ ביי אַ גע־וויסן צושטאַנד: איז דאָס פאַרגאַנצקייט פון צופרידנקייט, אָדער איז דאָס אָפּשלוס פון מידקייט, אָדער זייַנען דאָס אַמאָל געוויסע אַנדערע עלטער־פּראָצעסן, וואָס פירן צום רו־פּונקט.

5. ווען אימיצער גרייכט אַ סטאַנדאַרד, זיינען ווייטערע געננ שוין ניט ביַיטיק.

6. ווען אַלע כוחות זיינען אויסגעשעפּט, קען עס ווייטער ניט גיין. גייט עס אין רעאַקציע אויף צוריקצו.

7. מערקן מיר ביי זישא לאַנדוי אַפּריער, אין די פריסטע יאָרן, די ניט־צופרידנשאַפט, וואָס רעגט אים און שאַפט שטורם און דראַנג.

8. מיט זיין דערציאונג אין אַ פֿאַמיליע, אָנגעהויכט מיט אַט־מאָספֿערע פֿון חסידיש־שאַרפֿע, פּויליש־גוט־אידישע פֿאַר־ביקייט, האָט ער אין זיין עקלעקטיש־אַפּיקורסישער פֿריי־קייט שטענדיק פֿאַרגעצויגן אַ שאַרפֿע ניט־דאָאיקייט, ניט־פֿון־דער־וועלטלעכקייט.

9. צוויי עקסטרעמען האָבן דאָ געצויגט: אידיש־מיסטישע ווייט־קייט, וואָס ער פֿאַרלייקנט (ווייל ער קען דאָס ניט); און פּויליש־ווייכע וועלטלעכקייט, וואָס איז אַזוי קראַנק־זינ־געוודיק קאַטויליש. זיי צייכענען אָן דעם לייט־מאָטיוו זיינעם אין ערשטן ליד (אין זיין בוך לידער): „מיין קעניג־רייך איז ניט פֿון דיזער וועלט״.

10. אַלע וועגן פֿירן אים אַזוי צו דעם פֿאַליוס ווייטער און ווייטער אין צווייטן עקסטרעם פֿון אידישן סטיל. — אים, וואָס איז אַזוי חסידיש דורכגעהויכט מיט אידישן סטיל, אַז זיין וואָרט האָט נאַטירלעכערווייז אָנגענומען יענע שטרענגע פֿאָרם פֿון קאַטויליש אידיש.

11. עס קומט נאָך איצטער אַריין די אויסגעשניצטע פֿאַרצעליי־געצאַצקעטע מאַגנעטיק אין ריין־פֿערזענלעכער פֿאָרם, קער־פֿערלעך, פֿון זישא לאַנדוי; —

12. דער ליבלינג קריגט אַלע באַגערן, און וואָרט נאָר איין ווילע צו פֿאַרנעמען מיט זיין וואָרט זיין פֿאַרלאַנג.

13. אַזעלכע געלעגנהייטן ביי אַן אַנדערן, ניט אַזאַ סובטילן, שוואַכן־אַפּ אַלע פֿאָרמען, ווערן צעגאָסן, מאַכן לייכט פֿון יעדער פֿאָרם־ליניע — פֿלעקן.

14. פֿלעגמאַטיקע, אימפּאָטענץ, וואָס לייזט זיך אויף אין אי־מיטאַציע, און אַנדערע שאַרפֿע דאָגמע־פֿאָרמען פֿון פֿאַנאַ־טישן שטיין־האַרטן סטאַנדאַרד.

15. אָבער ניט ביי זישא לאַנדוי. מיר מערקן ביי אים אַלע מאָל נייעם גייך, וואָס ווייזט מער און מער כאַראַקטער, שאַרפערע ווידערשטעלן און ענערגישן אויפשוואונג אין גאָר אַנדערע ליניעס.

16. דער גייך פאַרמאָגט, אמת, מער נשמה, מער דין־לירישן ווייבלעכן ציטער, ווי אַקטיווקייט. אָבער ס׳ווייזט שוין מער פנים. און מיר זעען שוין, וואָס אין אמת׳ן איז זישא לאַנדוי; און וואָס מער נאָך וויכטיק — וואָס ער וויל.

17. ער וויל דעם וואָרט געבן געשטאַלטיקייט. זיין וואָרט זאָל טראָגן די גאַנצע מאַסקע זיינע, אין פאָרם, אין פאַרלאַנג און מעגלעכקייט. די גאַנצע ניט־דאַאיקייט זאָל עס ווייזן.

18. זיין וואָרט נעמט אַרום זיין צירקל. פאַרנעמט דעם אַק־טיוו זייערן: דאָס קאַרטן־טישל, דאָס טעאַטער, די אַנדע־רע ווינקעלעך, וואָס דאַרפן אַנווייזן די מענטשן און די געשעענישן.

19. עס קומט אויס, אַז טעאַטער שפּילט דאָ אַ וויכטיקע ראָלע. דער אַקטיוו איז דאָ שיפּע־זיבעלע, און אַנדערע קאָרטן־נעמען. די אַנשטעלן מאַכן געשעענישן.

20. גלייך קומט דאָס צו צום חוזק. ס׳איז אָבער גאַנץ ווייט פון חוזק. עס דאַרף אַ ביסעלע ווייטער געשטעלט ווערן. אין אמת׳ן איז גאָרניט ניט געשען. אַנטקעגן אַ סאָציאַלן פּראָגראַם, וואָס ווערט דאָ אין ראַם אַרום אַוועקגעשטעלט.

21. אַנטקעגן דער פּאַן, אַנטקעגן דעם פּנים מיט דעם גאַנצן אויסדרוק אינם שטאַנד פון אידישן וואָרט סאָציאַל, האָט אַלץ אַזאַ — אָדער חוזק, אָדער גאָרניט־געשטאַלט.

22. ס׳איז טעאַטער.

23. ס׳איז שיפּע־זיבעלע!

24. ס׳איז גאַנץ ערנסט מיטן אידישן וואָרט, ווייל גאַנץ פּנים׳דיק. ניט־דאַאיק. נאָרמאַלער פּנים, מיטן נאָרמאַלן וואַקסן און אויסוואַקסן.

25. ער קען זיך אַזוי אָבער ניט שפּילן שול־אינגל־מעסיק מיטן וואָרט, וואָס איז ניט מער ווי טעאַטער־פּראָזע.

26. דער נאָרמאַלער מענטש בויט שוין מיט זיין וואָרט פּלע־נער און וועלטן.

27. טראַדיציע דאַרף דאָך צו עפּעס אויסוואַקסן! צו טאָפּ־טשען זיך כסדר אין היסטאָריע?

28. עס איז גאָרניט ניט געשען. געשיכטע האָט דאָ אין ער־געץ ניט צוגעפירט.

29. ער שטעלט אַוועק אַ נאָרמאַלן פּאַקט, ניט יענע אַלטע, לאַנגע, אָפּגעלעבטע היסטאָרישע פּאַקטן, אַנטקעגן טעאַ־טער. נאָרמאַל איז דאָס אויסגעוואַקסן, און טעאַטער איז חוזק.

30. טעאַטער — אין אַלגעמיין. אידיש — אין קאָנטור. אי־דיש אין קאָנקרעטער שאַרפקייט, אָבער ס׳איז גאַנץ אַל־געמיין.

31. נאָרמאַל. אַ ביסעלע פּעט. אַ ביסעלע צעוואַקסן רייך, אָבער ניט אויסגעוואַקסן רייך.

32. נאָרמאַל מוז אָבער זיין אויסגעוואַקסן רייך. — איז עס אין טאָטאַל חוזק.

33. נאָרמאַל צוגעפירט צו קאָרטן־טישל, — איז עס ניט אויס־געוואַקסן, נאָר איינגעוואַקסן, איינגעדאַגמעט.

34. נאָרמאַל צוגעפירט צום מאָדערנעם נאָך־מלחמה־צושטאַנד אין אַמעריקע: — דער צופליס פון איראָפּעאישן עיפוש

אין מומיע־געשטאַלטיקייט פון בעל־שם, שרה בת־טובים און אַנדערע היסטאָריש־לעגענדאַרע העלדן פון צווייטער עוועניו ־ טעאַטער, צוגעמישט מיט וועלטלעכקייט, מיט דאָקטוירים אַלערליי, גוט צו אַלע אידישע צרות (דאָקטוירים — איז דאָ די אידישע וועלטלעכקייט).

35. אַנטקעגן דעם, נאָך יענעם רעאַגירן פון קריטיקער, וואָס קומט מיט יענע צוגעמאָסטענע דאָגמע־שטעקעלעך, נאָך אַלע פאַרשריפטן, פרעמד צו דעם פאַקט אַנטקעגן, וואָס איז גאָר חוזק.

36. איז דאָס חוזק? זישא לאַנדוי זאָגט, ס'איז מער פאַקט, ווי חוזק.

37. איז דאָס פאַקט? זישא לאַנדוי זאָגט, ס'איז מער חוזק, ווי פאַקט.

38. צוויי זייטן פון פאַקט אין אַזאַ שאַרף אויסגעשטעלט, ווי נאָר אַ ראַפינירט אויג קאָן נאָכטאַנצן באַלעריגע־מעסיק פון איינס צו צוויי אַזוי געשווינד, אַז איינס זאָל קיינמאָל ניט אָנרירן צוויי.

39. ס'איז פאָרמאַליסטיק געמישט מיט כאַראַקטעריסטישן פאַקט. שפיל, רעפלעקס און אַנאַליטיש רעאַגירן שאַרף אויף אַלץ מיט אַנאַנד, פונקט ווי אויף אַלץ באַזונדער־מעסיק, פונקט ווי אויף קיין זאַך ניט.

40. יענע כאַראַקטעריסטישע לאַנדוישע ביט־דאַאיקייט, וואָס איז אומעטום ווי סטיל, ווי דאָגמע שוין, און איז דאָ און ניט דאָ.

41. יענער קאַטוילישער און אידישער דיסאָנאַנס, געמאַכט אין ריטמישן שפיל.

42. איינגעוואַקסן אין דעקאַדענץ, אָבער געגוג נאָרמאַל ציען־דיק ליניעס פון ברייטער טראַדיציע פּאַרביקייט צו טראַ־דיציע, פּאַראַלעל טראַדיציע.

43. אַ טראַדיציע אויסגעלאַכט, און אַ טראַדיציע אויסגעלעבט און איינגעלעבט.

44. אַ טראַדיציע אין בלוט, אַ טראַדיציע אין סטיל דורכגעפּילט, וואָס זינגט פון יעדן וואָרט, און רופט צו טאַנץ; און נאָך אַ טראַדיציע, פון ביבליאָטעק אַרויס, וואָס ווערט אויך צו־געטראָגן פון קריטיקער: וואָס ווערט אויך געבראַכט אין מאַרק, ווי אַ סחורה, מיטן סטאַמפּ פון סטאַנדאַרד.

45. זישא לאַנדוי איז זיי ביידן דורכגעגאַנגען, און אויף זיין שטייגער זיי טראַנספאָרמירט אין בילד און ליד.

46. זישא לאַנדוי איז זיי ביידן אַריבער אין אַזאַ נאָרמאַלן צו־שטאַנד, וועדליק היסטאָרישע פאַקטן קענען עס ביז נאָרמאַל אַנטוויקלען.

47. די קרענקלעכע ניט־דאַאיקייט ווירקט דאָ ווי נאָך אַ קרענק, ווי אין געזונטן, אין ראַפינירט־צעבאַלעוועטן דראַנג צום אויסגעלעבט־געזונטן צושטאַנד.

48. ס׳איז גאַנץ ווייט פון געזונט. ס׳איז ווי אַ טעאַטער־שפּיל, צום פּובליקום.

49. ס׳איז אַפילו גאַנץ ווייט פון אויסגעאַרבעטער פאָרמאַליס־טיק; ס׳איז מער שפּיל אין דער ליניע, אָנוואַרף אין אַזאַ פאָרם־גאַנג, —

50. אַן אָנוויַיז, וואָס וויל מיט זיך פאַרשטעלן, וואָס ער וויל אַזוינס, וואָס ער זעט אַזוינס, ווי ער שטייט אין סאָציאַלן פאַקט פון ניי־לעבן, און ווי ער וויל רעאַגירן אויף דעם.

עפּילאָג

ווייל ס׳האָט אַזוי געמיין פאַרשוויגן מיך די פּרעסע,
און וואָס איך עס אויף מיטאָג שרייבט זי קיינמאָל ניט
דערפאַר קען איך ביז איצט ניט קריגן קיין מעטרעסע
און נידעריקער פאַלן נעמט אַלץ מיין קרעדיט.

און וואָס אַ טאָג נעם איך אין חובות טיפער זינקען,
אומזיסט נאָך מעצענאַטן שפּרייט איך אויס די הענט; —
אַ גליק, וואָס כ׳קען „טאַרטלס" דערלויבן זיך צו טרינקען,
און שוואַרצע קאַווע קאָסט אינגאַנצן פינעף סענט.

וואָלט קאַווע טייער זיין — וואָלט איך זיך אויפגעהאַנגען,
און דיכטער גלייך צו מיר איז נישטאָ קיין סך!
דאָך ווי דער פּרייז שטייט איצט — מיט הערלעכע געזאַנגען
קאָן איך גליקלעך מאַכן אונזער פאָלק און שפּראַך.

(זייט 41 אין זישא לאַנדוים לידער)

קאַפּיטל ד

די קונסט פון זישא לאַנדוים נאָרמאַלן לעבן, אָן דער נאָרמאַלער באָדן־מעגלעכקייט. און אַ שטיקל ברויט מאַכט דאָ אַ וועזן.

1. דער נאָרמאַלער גאַנג, ווי זישא לאַנדוי איז אויסגעוואַקסן, באַצייכנט זיין איינלעבן זיך מיט די אַלע פאַקטן אַרום, און וואָס צירקלען זיין צירקל און מאַכן זיין צירקולאַציע.

2. אָבער זיי האָבן גאָרניט, אים צופרידנצושטעלן, ביז זיך אויסצולעבן אין זיי.

3. דאָס איז אפשר אַ גוטער סימן פאַר איינעם, וואָס פאַרלירט זיך קיינמאָל ניט; וואָס ווייס, וואו ער שטייט.

4. דער נאָרמאַלערער גראַד באַשטייט דאָ הויפּטזעכלעך אין דעם, וואָס ער האָט אַלץ צוגעמאָסטן צו זיין אויפנעם, צו זיין דערלאַנג, צו זיין פאַרלאַנג.

5. אַנטוויקלט נאָרמאַל פון גאָר פרי אָן דעם באַגער צו יענעם מיסטישן ניט־אידישן „קיניגרייך ניט פון דיזער וועלט". ער האָט אָבער ניט געקענט דערלאַנגען ווייטער צום פאַקט, צום לעבן, וואָס איז אין גרונט, דאָך, גאָר און ביז גאָר אידיש.

6. אַזוי וואַקסט נאָרמאַל אַ פאַרלאַנג צום „ניט־דאַאיקייט".

7. זיין צירקל נעמט אים אויף מיט ליבשאַפט. ער ענטפערט אויך אַזוי. זיין פאַרלאַנג פאַרנעמט טעריטאָריע, באָדן. אַזוי ווערט אויך זייער פאַרלאַנג. ביי אים איז עס אַ טריט

צום ווייטער. ביי זיין צירקל ווערט עס דאָגמע; סטאַנדאַרד. דער צירקל וואַקסט ניט אויס. ווערט ענגער.

8. נאָך אַ דאָגמע, די ניט־דאַאיקייט, פון וואַנען ער מוז אָפּ־ווייכן. ווייל ער איז אַזוי, אין פאַמיליע־קרייז, פון דור ביז דור, אין זיין בלוט, איינגעגעסן מיט דאָגמע ביז ווידערוויל. ביז צום צוריקגעבן. צו זאָט מיט דאָגמע.

9. זיין ניט־דאַאיקייט פירט אים ווייטער אין נאָרמאַלן וועג, אַזוי נאַטירלעכמעסיק, אָט ווי ער וויל. קיינמאָל ניט צום פאַקט, וואו ער זאָל זיך אויסלעבן. ער דאַרף נאָך ניט קיין פאַקטן. קיינמאָל ניט צום האַר, וואָס זאָל אים נעמען. ער דאַרף דאָס נאָך ניט. נאָר שטענדיק אין יונג־שפּיל מיטצולעבן, איינצולעבן זיך, און ווייטער וואַקסן.

10. קומט נאָך אָן, דורך געוויינלעכן צופאַל, ווי אין נאָרמאַלן וועג טרעפן זיך אַלע מאָל אַזעלכע זאַכן; אויך דאָ קומט איצטער אָן אַ צופאַל. אַזוי נאָרמאַל קלאַסיש־גלייך, אַזוי טראַדיציע־שאַרף צייכנט זיך אויס די ליניע סימעטריש מיט יענעם צופאַל, וואָס איז שטענדיק אַזוי קלאַסיש אין פאַר־גאַנג. צייכנט אַזאַ שאַרפן וועג פאַר אים, ווייטער אין נאָרמאַל.

11. דער צופאַל באַשטייט אין אָנשטויסן זיך אין זיך אַליין. נאָך ווייטער פון ניט־דאַאיקייט.

12. זווייטער פון זיין צירקל אַוועק. זיך — אַנטקעגן זיך.

13. די מאָס איז זייער הויך, וויזט נאָרמאַלן אויסוואַקסן, שוין אין דערלאַנג. נעמענדיק יענע מאָס פון קריטעריע צו יע־נעם אויך אַנטקעגן זיך.

14. די אייגענע אויגן איז ניט אַזוי לייכט אויפצוכאַפּן קריי־טיש זיך אַליין, ווי יענעמס.

15. אָבער זישא לאַנדוי האָט שוין דעמאָלט דערלאַנגט צו אַ סטאַנדאַרד. האָט שוין דעמאָלט פאַרנומען זיין פלאַץ. זיין צירקל — אין זיין סאַמע העכסטן פאַרנעם.שוין צייט אפשר, פאַר רו.

16. אַזוי האָט אַ צופאַל אַריינגעשפּילט. יענער באַרימטער נאָרמאַלער צופאַל, וואָס ווייזט, ווי ניסים ווירקן וואונדער־לעך. דער צופאַל איז באַשטאַנען, וואָס אים איז צוגע־טיילט געוואָרן אַן אַרבעט, געמיינט צו זיין אַזוי פּאַסיק פאַר אים, אויפצוזאַמלען און אויפצושטעלן די אַנטאָלאָגיע פון אידיש־ליד אין אַמעריקע ביז 1919.

17. ער גייט ערשט ווערן דרייסיק. גייט ערשט פּרובירן פאַר־שטיין, ווי ריכטיק צו באַטראַכטן אַ וואָרט, אַ ליד, — אַחוץ פרעמדע, אויך זיינע אייגענע.

18. זיין אייגן ליד איז דאָך ניט אַ צופעליקער הויפן פון ווער־טער. זיין אייגן ליד, דאָ שטייט דאָך אַ מענטש הינטער אים. ער איז שוין באַלד אויסגעוואַקסן אין דעם. ווי אַזוי זעט מען אים אין דעם אַ ליד?

19. וואָס הייסט עס: ווערטער און ווערטער, און קיין רעגן?

20. וואָס הייסט עס: אידיש ליד אין אַמעריקע, און קיין פלאַץ פאַרן אידישן וואָרט אין אַמעריקע איז נאָך אַלץ ניטאָ; וואו איז דער באָדן, דאָס לעבן, וואו אידיש וואָרט וואַקסט דאָ?

21. וויפל מיינט אידיש ליד איצטער?

22. דער סך־הכל נעמט אים גאָר אַנדערש, ווי יענע ביז־איצ־טיקע שפּיל מיט יענעם ניט־דאַאיקן. נעמט אים איבער אינגאַנצן אויסקנעטן אין דיסציפּלין מיט פאָרם.

23. ער נעמט איצט קוקן גאָר אַנדערש.

24. מיט זיין נאַרמאַלן גאַנג פּרובירט ער עס ווייטער צוצובינדן צום לעבן, צו זיין לעבן, צום אַרום־לעבן.

25. ער לעבט זיך אויס מיט דעם. און דער וואונדער, אַז דער ערנסט ווערט אַ חוזק.

26. פֿאַר אים אַליין איז עס ניט קיין וואונדער. עס איז גאָר־ניט ניט געשען.

27. ס'איז דער גאַנג אַזאַ. ס'איז דאָ אַזאַ גאַנג.

28. מ'האָט געדאַרפט קענען זישא לאַנדוי, ווי ער קען אים. מ'האָט געדאַרפט קענען ס'לעבן, ווי ער קען עס. ער קען דאָס אויף זיין שטייגער. ס'איז גאַרניט.

29. ס'אידיש לעבן איז ווערט, זאָגט ער, אַזאַ צוגיי. עס ווערט אַזאַ צוגיי. עס ווערט.

30. זיין קוק.

31. דער קוק פון אָפּגעפרעמדטן ליד, ניט פון פרעמדן; פון בלאָנדזשער, ניט פון פאַרבלאָנדזשעטן. פון דעם ניט־דאָאיקן.

32. דאָס ראָמאַנטישע געפינען זיך צעגיסט זיך זיס, צו־זיס. אים אַליין נעמט שוין זיין ליד איבלען. אָבער ער פאַר־זוכט עס. ער פאַרזוכט עפּעס.

33. ס'איז עפּעס ווי חוזק. איז אָבער פון לעבן, און מיטן לעבן, אין אויסלעבן זיך.

34. שפּיל מיטן וואָרט. אַזוי פיל געלייגט אויפן וואָרט; אָבער שפּילעוודיק, מעשה ליבשאַפט, מעשה וואָרט־שפּיל. אַזוי אויפן קאָרטן־טישל. שיפּע־זיבעלע מיינס!

35. די אַנטאָלאָגיע־אַרבעט, זייער אַ שווערע אַרבעט, באַזונדערס פאַר אים, פאַרשאַרפט גאָר באַזונדער זיין קוק אויף ליד; אַרבעט אויס זיינע קאָמעדיעס.

36. די אַנטאָלאָגיע־אַרבעט, וואָס איז אים צוגעפאַלן אין צו־ פאַל, העלפט אים געפינען אַן אויסוועג אין זיין ביט־דאַאיקן וועג.

37. ווי נוצלעך אַן אַרבעט איז, אין מאַטעריעלן זין, איז עס נוצלעך אין נאָרמאַליזאַציע צום פאַרגאַנג, פאַר פאָרם אין אַלגעמיין.

38. די אַרבעט האָט ער גראָד באַדאַרפט פאַר פרנסה. פאַר ברויט.

39. אָבער וויפל מענטשן מאַכן עס אַ ווען פון דעם שטיקל ברויט?

40. גראָד ער, וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעלערנט, פון זיין ספע־ ציפיש־כאַראַקטעריסטישן לעבן, צו מאַכן אַזאַ טראַדיציאָ־ נעלן ווען פון אַ וואָרט; פון צוהערן זיך צום קלאַנג פון וואָרט און צום ווידערקלאַנג; צוהערן זיך צו יענער ביט־ דאַאיקייט, וואָס איז, און איז ניטאָ, און מוז דאָך ערגעץ זיין ניט אין „דיזער וועלט"; גראָד ער — מאַכט עס אַ ווען פון דער פרנסה־אַרבעט, פון דער ברויט־אַרבעט, פון ברויט זיינעם.

42. די אַנטאָלאָגיע איז אפשר זייער אַ שוואַכע. מיר וועלן זיך אין אַלגעמיין ניט אָפּשטעלן אויף די אַלע רויע זאַכן זיינע, ביז די קאָמעדיעס. אָבער די אַנטאָלאָגיע פירט אונז צו זיינע קאָמעדיעס.

43. די אַנטאָלאָגיע, ווי ער שטעלט זי פאָר אין זיין פאָרוואָרט, פירט אים ערשט צו צום לעבעדיקן וואָרט. ער זעט ערשט, ווי ווייניק ס'איז דאָ לעבן אין וואָרט פון ליד פון לעבן.

44. וואו איז עס ערגעץ? — ביט־דאַאיקייט.

.45 ס׳לעבן, ער ווייס עס אין זיין בלוט, אין יעדן ציטער פון שאָרך, וואָס טראָגט זיך אין בילד נאָך בילד פון קאָליריקער טראַדיציע; לעבן האָט דאָך אַזוי פיל פאַרבן, אַזוי פיל בילדער־פאָרמען.

.46 ס׳לעבן, זיין לעבן, וואו זיין קרייז ווערט ענגער און ענ־גער, ווייל לעבן איז זיי פרעמד, און זייער לעבן איז אין אידישן וואָרט פרעמד; ס׳לעבן איז דאָך אין קערן פאָרט וואונדערלעך שיין.

.47 לעבן וואַקסט ערשט אויס אין ליד גאָר אין אַן אַנדער וואָרט. דאָס וואָרט איז זיין אינטים, זיין זישא לאַנדוי־וואָרט, וואָס ער אַליין קען זיך אַזוי זינגען, אַזוי פאַרליבט אין זיך, אַזוי פאַרוויגט אין דעם.

.48 זאָלן די אַלע אין חוזק חוזק׳ן. אָט פון דעם חוזק וועט ער זיך ערשט נעענטער, וועט ער ערשט מאַכן זיין קרייז מיט זיין אינטים־באַקאַנט, ליב, פרווילעך ליב וואָרט.

.49 שיפע־זיבעלע מאַכט די שפיל. ס׳איז חוזק־שפיל. אים איז דאָס אַזוי באַקאַנט און אַזוי נאָענט.

.50 און דער קריטיקער, ער פאַסט זיך אַזוי אויסגעצייכנט אַריין אין חוזק. — מוז מען אים דאָ אויך האָבן. ער איז אַ טייל פון חוזק. אַנטקעגן זיין ניט־דאַאיק וואָרט.

און שטיל...

פרץ הירשביינען

און שטיל זיינען אונזערע רייד,
און שטיל זיינען אונזערע טריט.
דער ווינט האָט פון לאַנג שוין פאַרווייט,
די בלום האָט פון לאַנג שוין פאַרבליט.

מיט הערצער פון דורות שוין טויט,
מיר זינגען דאָס קומענדע ליד.
און שטיל זיינען אונזערע רייד,
און שטיל זיינען אונזערע טריט.

(זייט 56 אין זישא לאַנדויס לידער)

קאַפּיטל ה

פּאַר זישא לאַנדוי דעם וואָרט־קינסטלער איז דאָגמע — סם, וואָס לאָזט ווייטער ניט לעבן. סטאַנדאַרד ווערט ביי אים חוזק, און ווייזט אים אָן די ליניע פון „עס איז גאָרניט ניט געשען״.

1. זיין רעאַגירן אין בוך קאָמעדיעס אויפן קריטיקער, איז עכט־כאַראַקטעריסטיש זישא לאַנדוי׳ש. אַ ליטעראַטור מוז האָבן אַ קריטיקער אין דעקאָראַטיוו, פּונקט ווי קריטיקער מוזן האָבן אַ ליטעראַטור.

2. ער האָט דערפאַר ניט געקענט אָפּלאָזן דעם קריטיקער. כאָטש ער איז אים גאָרניט צום האַרצן.

3. אין שפּיל איז עס ביי אים דאָגמע, ווי עס איז אין אַלגעמיין. קריטיק איז מייסטנס דאָגמע.

4. און ביי זישא לאַנדוי איז דאָגמע דאָס ערגסטע, וואָס טראַדיציע קען ווייזן. סם פון טראַדיציע. זישא לאַנדוי איז פאַר׳סמ׳ט פון דעם, ווייל צופיל געלעבט אין דעם, און ניט איינגעלעבט.

5. יענער ערנסט פון קריטיקער אין אַלגעמיין; יענער בלאַסער, וואַסער־קאַלטער ערנסט, אָן קיין שום פאַרבן, וואָס קריטיקער טראָגן און ברענגען מיט, — איז פאַר אים חוזק.

6. ער, וואָס איז אַזוי אויסגעבאַלעוועט אין פאַרב פון שפּיל, אַזש ווייבלעך־ווייך פון שפּיל.

7. די ווייבלעכקייט, אַרויסגעוואַקסן פון איר רויקייט, פאַנגט אָן צו רעאַגירן קאָקעטיש אַריבערן שפּיל, ביזן פאַקט, וואָס הייסט לעבן.

8. ס׳איז ניט אַזוי דער קריטיקער. ס׳איז דער פרעמדער קריטיקער, וואָס דרייט זיך דאָ מיט זיין שטעקל, אַ בכבוד׳ער גאַסט פון ערגעץ געקומען אין דער ליטעראַטור, און איז דאָ אַזוי פרעמד.

9. אַ סך האָט דאָ צו טאָן זיין קרייז. דער קרייז ביי דעם קאָרטן־טישל; דער קרייז אין טעאַטער־שפיל, וואָס קומט דאָ פאָר אין פערסאָנאַל אין דעם בוך קאָמעדיעס. דער קרייז, וואו ער איז אויך, און איז ביי דעם קאָרטן־טישל און טעאַטערמעסיק אין אַקטיוו פון סאָציאַלן פאַקט, וואָס איז דער הינטערגרונט פון שפיל.

10. דאָס וואָרט נעמט אַ האַנט אין שפיל.

11. דאָס וואָרט גיט דאָ אַ פּאַנאָראַמע, אין פיר קאָמעדיעס, פון גאַנצן קרייז, צוזאַמען מיט דער צייט־עפּאָכע, וואָס האָט דעם קרייז צוזאַמענגעבראַכט.

12. זישא לאַנדוי פירט אונז צו, אָן צו פיל ערנסט, צו וויזן קאָמעדיע, וואָס שטעלט פאָר דעם „ס׳איז גאָרניט ניט געשען״.

13. פיר קאָמעדיעס אין איין פּאַנאָראַמע, ווי אַקטיאָרן און לייכטע יונגען פון קאָרטן־טישל זעען אַנדערע און זיך, אין זייערער אַ פּאַראָדיע, אין זייער אַן אינטימען פאַמיליע־קרייז־אינטערעס.

14. ס׳איז ניט קיין פּאַראָדיע אין פאָרם. ס׳איז גאָרניט ניט געשען.

15. ס׳איז ניט קיין סאַטירע אין קריטיק־אַנאַליטיק. קריטיק קען זיין די רייד, ווען ס׳איז דאָ סיסטעם; דאָס איז מעגלעך, ווען מ׳הערט עפּעס אַ וואָרט, אַ באַגריף.

16. און דאָ, אין שפיל, רעדט זיך ערשט, אַז דאָס וואָרט איז נאָך ניטאָ.

17. ס'איז נאָך גאָרניט.

18. די פּאַנאָראַמע שלאָגט מיט פּאַרבן כוואַליע אויף כוואַליע. די פאַרבן דאַרפן דערציילן, ווי אַזוי אַ וואָרט שפּילט דאָ אַזאַ ראָליע. אַ וואָרט, וואָס איז נאָך ניטאָ.

19. די פּאַנאָראַמע גיט איבער דעם גרונט־געדאַנק, אַז דער־שטיקט צו ווערן אין די פּאַרבן. טראַדיציע אויף טראַדיציע אָן קיין באַגער, אָן קיין ניי־יונגוואָרט, אָן קיין איין לעבנס־באַגריף.

20. דאַרף מען צו דער פּאַנאָראַמע: 1) אָן אויג אויפּצוּנעמען פאַרבן. און ניט נאָר אויפנעמען, נאָר צו דעם אויך זשאָנגלירן אין שפּיל, אין לעבנס־שפּיל, מיט די אַלע פאַרבן אַזוי, אַז דאָ זאָל ניט זיין אַזאַ קאַשע־חוזק פון פאַרבן־קאָנצערט. און 2) אַזוי דורכצוּנעמען טראַדיציע מיט אינטערעס אין איר גאַנצן צעבאַלעוועטן שפּיל פון לעבן, ווי ער האָט עס פּרובירט אין זיין צעבאַלעוועטקייט, זישא לאַנדוי אַליין.

21. איז דאָס טאַקע אין זישא לאַנדויס קאָמעדיעס אַזוי לייכט אָנגעצייכנט, אַז נאָר אַ באַריר צו דעם איז נייטיק, אין דינער ליניען־פאָרם.

22. דאָס רוי, בלאָס אויג וועט דאָ זען שפּאָס, ווען ס'איז גאַנץ ערנסט; וועט זען פאַרב, ווען נאָר אָנשטעל.

23. דאָס רויע אויג קען דאָ זיין אַפילו זישא לאַנדויס אינטימ־סטער חבר, וואָס האָט מיט זישא לאַנדוי צוזאַמען דורכגע־לעבט די גאַנצע שפּיל פון דער עפּאָכע אין אַקטיוו, אָבער איז ניט אויסגעוואַקסן פון אינגלשן שפּיל און ניט־דאַאיקייט, צו פאַרנעמען דאָס נייטיקע געשטאַלט, פונדאַמענט און פאַרב פון וואָרט אויף נייעם באָדן.

24. דאָס רויע אויג — עס איז אַמשאַרפּסטן רוי, ווען עס האָט זיין סטאַנדאַרד, און דאָגמע איז שוין אַריין אין זיין רוקן־ביין.

25. אָן אויג, פּונקט ווי אָ מענטש, מוז זיך ווייטער וואַקסן, אויב ניט איינוואַקסן, אַריינוואַקסן, אָפּוואַקסן.

26. אַזוי אַ וואָרט, אַזוי יעדע אַסאָציאַציע פון וואָרט. רויקייט אומעטום, אויב ניט קיין וואַקסן.

27. אין דעם באַשטייט די וויכטיקייט פון זישא לאַנדויס בוך קאָמעדיעס, אַלס פּאַנאָראַמע פון דעם רויען צושטאַנד, וואָס מוז ווירקן אין רעאַקציע צום ווייטער־וואַקסן.
שטעל פון זישא לאַנדוי, אָפּצושטעלן זיך אַ ווײַלע, נאָכ־

28. די וויכטיקייט פון דעם נערוו, וואָס רעגט אָן די גאַנצע סיסטעם.

29. ווי אַנדערש דאָ איז דער זעלביקער זישא לאַנדוי, מיט די זעלביקע לידלעך אַפילו, אין דעם זעלביקן זישא לאַנדוי־סטאַנדאַרד געמאַכט, טאָרן זיי דאָך ניט פּאַר קיין פּאַל אַרויס־געטיילט ווערן פון דעם בילד, וואו זיי באַלאַנגען! (ווי זיינע חברים האָבן טאַקע דאָך פּאָרט באַוויזן!).

30. ווי אַנדערש די זעלביקע זישא לאַנדוי־ווערטער און ווענן וויקלען־צו אַזוי לייכט־דין אַ פאָדעם צום ברייטן פּאַרנעם פון פאַרב, פון טאָן, פון שטעל!

31. ס'איז ניט קיין וואונדער. יעדער אויסגעוואַקסענער מענטש ווערט גרעסער. אַ געוויינלעכער צופאַל טרייבט אָן, און פּראָצעס פון וואַקסן גייט זיך ווייטער.

32. אָבער ווי קען מען גיין ווייטער, ווען מיט דעם כח פון בעל־שם, פון שרה בת־טובים, פון פרץ, צי פון ערגעץ אַנדערש,

הייסט מען זינגען טאָג און נאַכט אַ לידל, אַ תחינה, אַ פֿאָלקס־ביכל, און דאָס ווערט געזעץ.

33. אַט יענע געטשקע סטראַשידלע, — וואָס מיינט זי דען צו אַ באַגריף, וואָס וויל ווייטער, וויל וואַקסן?!

34. וואָס קען מיינען צו דעם אַרבעטער דאָס אייביקע לידל, וואָס וויל בשום־אופן ניט אַוועקגיין ערגעץ אין רו אַריין (אידעאָלאָגיש):

> הערט, אַרבעטער, איזראַעליטן,
> אויף וועמענס גאולה וואַרט איר היינט?

(3טער שפיל אין „עס איז גאָרנישט ניט געשען")

און דאָס זינגט מען, לייענט מען, לערנט מען, שוין אַריבער 50 יאָר, צום אַרבעטער!

35. ניט די געשמאַקלאָזיקייט פון די אָפּגעלעבטע ווערטער איז דאָ די זאַך. נאָר די אָפּגעלעבטע איזראַעליטן, וואָס שטעלן אייך אַוועק אין זייער און אַנטקעגן זייער פּאָזיציע, מיטן צורוף: — נו, וואָס האָט איר דען בעסער פון דעם?!

36. טאַקע וואָס? און אַנטקעגן — דעם אידישיזם, מיט זיין דאָגמע, איז דען אַ סך בעסער? אָדער אַנדערש, אָדער איין טריט ווייטער אין זיין געשמאַקלאָזיקייט?

37. די אָפּגעלעבטע ווערטער, מנחם־מענדל, בהמה בצורת פערד! (פאַרגלייך סוף 3טן שפיל, דאָרטן). פון וועלכער דאָגמע זיי זאָלן ניט קומען, פאַרשימלען זיי אַלע פאַרלאַנגען און באַגערן און פּראָגראַמען, וואָס קומען־אויף יעדן טאָג אַזוי ניי. אַט די אָפּגעלעבטע קלאַנגען וועלן אָפּטעמפּן יעדן נערוו, וואָס קען אַמאָל עפּעס פאַרלאַנגען. — עס וועט גאָרניט ניט געשען.

38. און יענע רעדן נאָך פון קולטור! — צי ווייסן זיי, די קול־טורניקעס, דאָס פובליקום אין בוך פון שפיל „עס איז גאָרניט ניט געשען" — צי ווייסן זיי דעם פרייז, וואָס זיי דאַרפן באַצאָלן פאַר אָט דער קולטור?

39. די שפיל ווייזט, אויף צו להכעיס דעם קריטיקער, אויף צו להכעיס דעם פובליקום (אין בוך), אויף צו להכעיס די אַלע טויבע וועגט אַרום. — (ווי זאָגט זיך):

דער דורכפאַל פון דעם רויטן
און בלויען נאַכטיגאַל
האָט ניט געקענט דערטויטן
מיין לעבנס אידעאַל
צו געבן אַ טעאַטער
פון שוימענדיקן ווייַן,
וואו ס'וויינט די ליבסטע: „כ'פּלאַטער
איך וויל איצט דיינע זיין".
וואו וויינט זי? אויף דער בינע,
צי צווישן פובליקום?
וואָס איז די נאַפקעמינע —
זי פּלאַטערט אומעטום!

(אָנפאַנג 3טן שפּיל, דאָרטן)

40. די שפיל ווייזט, אַז אַלע, די אַרבעטער איזראַעליטן, דער קריטיקער, דאָס גאַנצע פובליקום (אין בוך) שטעלן קיין איין טריט ניט ווייטער, אויב קיין ניי וואָרט איז ניטאָ. אַ ניי וואָרט זאָל זיין!

41. דאָס ניי־לאַנד רייסט זיך ניי. דער נייער טאָג ברענגט נייס. איז טאַקע דאָ אַ ים מיט טראַדיציע אַרום קאָרטן־טישל נאָכצוזאָגן דעם חכם: ניטאָ קיין נייס אונטער דער זון.

42. אָבער אויסוואַקסן מעג מען אַמאָל, צוליב דעם אַליין, צו זען טאַקע אין דעם חכם אַלע מאָל נייס.

43. וויפל פאַרבן איינאיינציקער ווינט וויברירט; וויפל ווינטן איינאיינציקער טאָג בלאָזט־אויס, — פאָדערט זיך ניט קיין סך, אויסצואוואַקסן צו דעם. יעדע זאַך, וואָס לעבט — וואַקסט.

44. איז ניטאָ וואָס צו חוזק'ן: ער שפילט זיך מיט ווערטער! אין לעבן איז דאָ אַזוי פיל שפיל, ווי אין שפיל איז דאָ לעבן.

45. אין שפיל איז דער חוזק — אַליין אַ חוזק.

46. אין לעבן קען מען אַרויסוואַקסן פון די נאַרישקייטן.

47. דאָ איז געווען נאָר אַ נאָרמאַלער אויסוואַקס, וואָס האָט אַריינגעפירט זישא לאַנדוי'ן אין דעם פּראָבלעם, וואָס ער נעמט־אויף אַזוי זישא לאַנדוי'יש אין זיין בוך: „עס איז גאָרניט ניט געשען".

48. מיר וועלן איצטער נאָכגיין זיין אויסוואַקסן, ווי אַזוי ער איז פון זיין בלאָנדזשען אַריין מיט דעם אידישן וואָרט אין דעם אידישן וועג.

49. ווי אַזוי דער אידישער וועג פירט אידישער פאָרם.

50. און ווי אַזוי די פאָרם איז אַזוי אַרום געוואָרן זיין פאָרם.

*

...אויב תחינות העלפן ניט, וואָס וועט שוין?
מען קען אָן תחינות ניט באַגיין זיך.
וואָס ווערט פון שטאַרקסטן קאַמף און שלאַכט,
אויב ניט אַן אָנגעשריבן בלעטל,
אַ סטימולאַנט פאַר מידע שרייבער,
פאַר רעדנער פיפיקע — אַ ווענדונג,
און פאַר דער ברויזנדיקער יוגנט
אַ גרייטער תירוץ פאַר קרבנות.
ס׳איז אונזער וואונדערלעכע וועלט
צעטיילט אויף הענקער און קרבנות.
בשלימות האָט דער הענקער קעפ
און וואַרעם בלוט איז זיין באַלוינונג,
נאָר טיף אין האַרצן חלום׳ט ער,
אַז ער וועט זוכה זיין ביי גאָט,
און קעפ אַזוי פיל וועט ער האַקן,
אַז דער געשיכטע-שרייבער וועט
געצוואונגען זיין דערמאָנען אים.
און די קרבנות חלום׳ען
פון לאַרבער-קרענץ און פון פאַרערונג,
צו וואָס, זאָג, מאַכן נאַריש זיך
און טראַכטן וועגן עפּעס אויפטאָן,
ווען אַלעס איז פאָרויס באַשטימט,
און יעדער איינער האָט זיין ראָלע.

(זייט 266 אין זישא לאַנדויס לידער)

קאַפּיטל ו

זיין אידיש ניטדאַאיקייט קומט צו דער דאַאיקייט און נעמט פאַרבן אַ טאָן. דער קאָמעדיע־פאָרמאַט געשטעלט אַנטקעגן פאַרערלעכטן וואָרט, וואָס איז אַ חוזק אין פאַקט.

1. האָבן מיר שוין באַמערקט, ווי זיין דערציאונג און זיין גאַנצער גאַנג האָט זייער שטאַרק געצויגן צום וואָרצל, צום שטראָם פון טראַדיציע.

2. זיין גאַנצע ניטדאַאיקייט האָט זיך גענערט פון טראַדיציע.

3. כאָטש ער איז אַוועק אין ניט־אידישן גאַנג, מיט אַ ניט־אידישן צוגיי, מיט אַ ניט־אידישן פאַרנעם —

4. איז דאָס מער געווען שאָלעכץ. ס׳פּנים ניט־אידיש.

5. די שטענדיקע טענדענץ פון אַסימילאַציע אין איר ניט־דאַאיקייט, וואָס האָט אים פריער געפירט ווייט און ווייטער אַוועק אין וועלט־אויס פון רוסיש, פויליש, דייטש, פון וואַנען ער האָט אַריינגעבלאָנדזשעט אין אידיש. — די טענדענץ פירט אים אין אַמעריקע אַוועק אין ענגליש קאָנטראַ אידיש.

6. דאָס איז דער כישוף פון שיינעם וואָרט, פון פּראָזע, פון דאָס וואָס הייסט ליטעראַטור, וואָס מאַניעט אים אַהין. —

7. ניט פון לעבן.

8. די פּראָזע, די ליטעראַרישע, וואָס איז אייגנטלעך די עסענץ פון וואָרט, אָן דעם פּאַקטישן פלייש פון יענעם אַקט לעבן. — די פּראָזע מאַכט עס די געאָגראַפיע פון זיין קוק.

9. ווערנדיק שיכור פון וואָרט, גייט ער בלינד אַזוי נאָך דעם וואָרט.

10. אין דער גרויסער וועלט־מלחמה ציט אים אַזויצו דאָס ענגלישע וואָרט. ווערט פּראָ־ענגליש, אין ליד.

11. ווי פריער, זיין צוגיי צו אידיש דורך די טויערן פון פּויליש, רוסיש, דייטש, אַזוי איצט, איז זיין צוגיי דורך די טויערן פון ענגליש.

12. ברענגט ער אַריין ענגלישע באַלאַדן אין אידיש. שרייבט אַליין אין ענגלישן טראַדיציע־שטייגער. בלאָנדזשעט אין אידישן וואָרט דורך פעלדער און וועלדער אָן שטעגן און וועגן, וואָס זאָלן זיך בינדן מיט אידיש.

13. זיין אויג קומט נאָך שטענדיק קלאָרער און קלאַנג פון וואָרט, באַמערקט ער דעם כאָר פון קלאַנגען, דעם קאָנצערט פון פאַרבן.

14. עס נעמט לאַנג, ביז יענער אויסוואַקסן, צו דערקענען די וואַריאַציע פון קלאַנגען און פאַרבן.

15. אַלע מענטשן־קלאַנגען מאַכן דעם איינס: געזאַנג.

16. פּרובירנדיק אָפּקלייבן קלאַנגען פון קלאַנגען (זיין אַנטאָלאָגיע), שטויסט ער זיך אָן צופעליק טאַקע אויף יענער ניט־דאַאיקייט, זיין חלום־באַגער.

17. אַזוי שאַרף איז דער באַריר, אַז בלוט קומט, און נשמה. זעט ער ניט „דיזע וועלט", נאָר יענע וועלט, וואָס איז אַזוי ווייט, אַז ער מוז זיך אומקערן.

18. יענער ווייטער עקסטרעם, די אַנדערע זייט.

19. זישא לאַנדוי דערמאָנט דעמאָלט, אַלע מאָל, אַז ער האָט ניט ליב דעם פאַרב רויט.

20. אָבער אַהין פירט עס. און ביז יענע פאַרבן, ביזן רויט.

21. אַלע פאַרבן זענען רויט.

22. נאָר יענער וואָס ווייסט און פאַרשטייט זיין אייגן פאַרב, זיין אייגן קאָליר, זיין אייגענעם איך פון לעבן, וואָס גיט אים אַזאַ אַראָמאַט, פון וועלכן ער פאַרשיכורט זיך מיט פרייד, מיט לעבנס־פרייד, — נאָר דער קען אויך צוגיין אַזוי צו אַ צווייטע פאַרב, און אויפכאַפּן קאָלירן און אַראָ־מאַט.

23. דערפון די פּאָפּולערע ניט־צוגאַנגלעכקייט, דער ווידער־וויל, דער פרעמדער אַנטאַגאָניזם פון פאַרבן צו פאַרבן פרעמדע, וואָס דאָס איז צו סטילן פרעמדע, צו אַראָמאַטן פרעמדע, — זיי שטינקען אַזש אין פרעמדקייט. —

24. זישא לאַנדוי האָט אין זיין קראַנק־שיכורע ליבשאַפט צום וואָרט, וואָס איז ביי אים אַזוי אויסגעוואַקסן מיט געזונטע ענערגיע מיט אַ גאַנג צום נאָרמאַלן פאַרלאַנג און פּראָגראַם, — געמאַכט דעם זעלביקן פעלער, וואָס אַ סך אַנדערע: געוואָלט פאַרבינדן צוויי נאָענטע — נאָך נענטער.

25. די צוויי זענען דאָ, וואָרט, וואָס קומט אַרויס פון פאַרבן און קלאַנגען, — מיט יענע פאַרבן און קלאַנגען.

26. פון ווידער־קול — צוריק מאַכן אַ קול.

27. אין טעאַטערשפּיל־קונסט קומט אַ סך מאָל אַרויס די פאַר־קערטע זייט — קאַריקאַטורמעסיק. אָט די פאַרקערטע זייט צוריק אויסצוגלייכן, איז די רעאַקציע פון נאַטיר־לעכן שטייגער.

28. אין מוזיק־קונסט קומט אַזוי דער טויטנטאַנץ, דאָס שוואַ־נענגעזאַנג, דער ריטם און טאָן, וואָס ברענגט צוויי פּאַ־ליוסן צוזאַמען אין אַ דינער נאָענט־שאַרפער האַרמאָניע.

29. וואָרט מיט פאַרב, ריטם מיט קלאַנג, צוגעפּירט צום קאָליר זייערן, איז זייער געוואַגט.

30. אין נאַטירלעכן שטייגער איז דאָס אַזוי גוט ווי אוממעג־לעך. ווען זיי קומען ווייט־הויך, איז רויט, איז טויט.

31. וואָס ניט מעגלעך אין נאַטירלעכן שטייגער, איז אָבער מעגלעך אין אומנאַטירלעכן.

32. דער צופאַל פון זיין אַנטאָלאָגיע־אַרבעט פירט אים און ווייזט אים אָן, וויפיל און ווי ווייניק אידיש ליד דאַרף זיין אידיש ליד.

33. דער פידל־ווירטואָז, און זישא לאַנדוי איז וואָרט־ווירטואָז, הערט זיך צו צום אינסטרומענט, און געהערט זיך אינ־גאַנצן אָן אין דעם געהער.

34. צו פאַרשטיין דאָס, איז אַן אַנדער זאַך. נאָך אַן אַנדערע זאַך איז ווייטער, ווען זישא לאַנדוי פּרואווט עס איבערגעבן אין ווערטער און בילדער.

35. קומט עס צו צום צווייטן זייט, צו דער אַנדערער זייט פון ליטעראַטור און פּראָזע, צום לעבן, אידיש לעבן. אידיש וואָרט. אידיש ליד.

36. וויפיל קענען עס ווייזן; וויפיל קענען עס אפילו זען?

37. דאָס איינפאַכע וואָרט קומט אַריין צוערשט.

38. לידער אַזוינע איינפאַכע; כמעט קראַנקע; אַזוינע מידע ווער־טער; כמעט טויטע.

39. גראָד די איינפאַכע, גראָד די מידע קראַנקע ווערטער ווייזן אים דאָ, אין דער גאַנצער אַנטאָלאָגיע, יענעם עלעמענט, וואָס ער זוכט אַמווייטסטן, יענע ביט־דאָאיקע שאַרפקייט פון לעבן.

40. כמעט ניטאָ די פרייד פון לעבן. דאָ אַ לייכטער באַריר. אַן אָנפאַנג דרייסיק־יעריקער אַריינקום. ניט קיין קינדי־שער, נאַאיווער, נאָר אַ שכלדיקער, וואָס ווייסט שוין דעם טרויעריקן סוף נאָך איידער ער האָט זיך צוגערירט צום אָנהייב.

41. ניטאָ נאָך די פאַרביקייט, כאָטש אַן אויג איז שוין דאָ, אויפצוכאַפּן פאַרבן.

42. אידישער סטיל — נאָך ניט. כאָטש ער פאַנגט זיך שוין אָן צו ווייזן.

43. ער איז שוין באַלד פול־פאַרשטאַנדיק. ער איז שוין באַלד דרייסיק. יוסף ראָלניקס (פאַר אים) „איינפאַכע" ווער־טער, אין דער אַנטאָלאָגיע:

> דאָס לעבן קלאַפּט אין פויקן,
> דער טויט, ער פליסטערט שטיל. —

מעסטן אים שוין אויס זיין קוק.

44. אַלע סימנים זענען פאַראַנען, אַז די דעקאַדענץ, וואָס האָט געפרעסן אַלעמען פון זיין קרייז, האָט אים שוין אויך גע־נומען גריזשען. געראַטעוועט האָט אים דאָ, ווידער, יענע ליבשאַפט זיינע צום וואָרט, וואָס האָט אים איצט אָנ־געטריבן צו זוכן ווייטער.

45. אין די געמאַרקן פון די פאַרבן זוכט ער זיין געליבטע. אין די מאַרקן פון לעבן זוכט ער זיין אידיש וואָרט.

46. ס'איז שפּיל; ס'איז יוגנט. ס'איז אומעטום.

47. ס'וואָרט פירט אים צו מיט יענער ענערגיע צו דער אידי־שער פאָרמולירונג פון קאַריקאַטור, וואָס איז טעאַטער־שפּיל.

48. דריי יאָר נאָך דער אַנטאָלאָגיע, קומט דער ערשטער טייל פון טעאַטער־שפּיל, וואָס הייסט, נאָכדעם ווען אַלע פיר טיילן זענען פאַרטיק: „עס איז גאָרניט ניט געשען".

49. ביי ווען ס'איז אַ טראַגעדיע. פון יענער צייט איז טאַקע דאָ אין דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע „די טראַגעדיע פון גאָרניט". — ביי אים איז עס דער אָנפאַנג פון אַ קאָמעדיע. די קאָמעדיע פון גאָרניט.

50. דער ערשטער טייל הייסט: „דער בלויער נאַכטיגאַל".

מאַרקיזין באַטאַווים

פון מיינע דינע, פיינע לידער
שמעקט מיט טויט.
— ר. אייזלאַנד.

דער טויט האָט זיך צו מיר אין מיין בלוי-ווייסער רו
צום ערשטן מאָל ערשט לעצטע נאַכט באַוויזן;
ווען ביי דעם ברעג פון ים אַ ראַנדעוואו
האָב איך געהאַט מיט דער מאַרקיזין.

די אויגן מיינע קוקן האַלב פאַרליבט
און זיינען אויף איר נאַקן שטיין פאַרבליבן.
— מאַרקיזין איז פאַר מיר אַ מאַנוסקריפט,
וואָס איז פאַרמעקט און אָפּגעריבן.

מאַרקיזין לאַכט. איר הויט ווערט געלבלעך-מאַט.
און ס'ווייט פון אירע נאָכגעביקע גלידער
אַט יענער רייצנדיקער אַראָמאַט,
וואָס פילסט אין טויט און אויך אין מיינע לידער.

(זייט 194 אין זישא לאַנדויס לידער)

קאַפּיטל ז

פֿאַרבן ווייזן פּנים. די שפּיל שאַרפֿער אין גראָטעסק, מער אין קאָנקרעטער לירישער ניט־דאָאיקייט, וואָס ווייזט אַ מאָדנעם ניט־גאָר פּאָזיטיוו. די פֿאָרם אינטריגירט אים. זי ווייזט זיך אין ערשטער געשטאַלט: „דער בלויער נאַכטיגאַל". 1טער טראָט, און וואָס ווייטער?

1. פֿון אַלע פֿאַרבן צופּאַסן פֿאַר פֿאַרב יענעם זישא לאַנדוי סטאַנדאַרד פֿון יענער צייט, וועט זיכער דער פֿאַרב זיין בלוי.

2. אָבער דער בלויער נאַכטיגאַל, ניט די שפּיל, אויך ניט דער מעטאַפֿאָר, נאָר ער אַליין, זישא לאַנדוי, איז, ווי אים דאַכט זיך טאַקע, גאָרניט אויפֿן פּלאַץ.

3. עס קומט אים אויס, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַטיק. עס שטימט ניט קאָמבינאַציע פֿון פֿאַרב — קלאַנג — בילד.

4. ס'איז צום טייל געזונטער חוש, אַרויסגעוואַקסן טאַקע פֿון זיין קראַנקער בלאָנדזשעניש, וואָס זאָגט אים, אַז עפּעס האַרמאָנירט דאָ ניט.

5. יענער פֿאַלשער פֿאַרב, וואָס איז בלוי, דער שאַרפֿער אויל־בילד פֿון זישא לאַנדוי'ס פּראָזע פֿון ניט־דאָאיקייט, קומט שפּעטער, אין פֿיר יאָר אַרום, אַריין אַזוי נאָרמאַל־ליניע־גראַדיק, אין „רויטן נאַכטיגאַל". אָבער דאָס גייט שוין אַוועק אין ערגעץ אַנדערש, אין לעבן אַריין, וואו ער קוקט איצט אַריין דורך טויט פֿון וואָרט, און איז נאָך דאָרט ניטאָ. („דאָרט קלאַפּט אין פּויקן", זאָגט ער).

6. דערווייל וויל ער, אין קאָמעדיע־ליניע, אָנצייכענען אָ סאָ־ציאַלן פּאָזיטיוו, זיין וואָרט אַלס אידיש־וואָרט.

7. פון ערנסטער ליניע איצט קען קיין רייד ניט זיין. ער איז אַריבער דרייסיק. זיין געצייטיקט לעבן האָט אים ערגעץ אַנדערש געפירט.

8. אַ חוץ אידיש וואָרט, איז דאָך אַלץ אַרום און אַרום אין ליד, וואָס ער ווייסט, אַזוי ניט צוגעפּאַסט צום אידיש, אַז ס׳איז נאָר קאָמעדיע.

9. רעאַקציע פירט אים ווייטער, אין פאָרם־ליניע, אין טעאַ־טער. ס׳איז אַזוי טעאַטערמעסיק, כאָטש אַוועקצושטעלן דאָס אין טעאַטער אַנטקעגן ניו־יאָרקער אידיש לעבן, אין קרומען שפּיגל.

10. אָט די פאַרשוינען פון אידישן טעאַטער־לעבן, פאַרמישט מיט זיין אייגענע פאַרביקע פאַמיליען־טראַדיציע פון בעל־שם, שרה בת טובים, צוזאַמען טאַקע מיט יענעם נאַכטי־גאַל, וואָס איז ניט־דאַאיק בלוי, און איצט אַזש רויט. — ער שטעלט זיך ניט אָפּ. — ער וועט עס ווייטער פירן.

11. אויב שפּיל, איז שפּיל!

12. ליבשאַפט נעמט אים אַרום. אַזוי צוגעפּאַסט צו יענעם אינגל אין בלוי, גראַציעמעסיק ליב אינגל. ליבשאַפט פירט אים. ער גייט זיכער. גאַרניט ווי געפירט אין קראַנק דעקאַדענטישער ליניע, — צו אונטערגאַנג. נאָר ווי אַ נאָרמאַלע צעוואַקסענע ענערגיע־ליניע וואָלט דאָ פאָרויס נייע פעדעם געצויגן. — צו אַ נייעם אויפגאַנג.

13. קומט ער ווידער צו אַ פונקט, ווי ער איז ניט זיכער. ווייסט נאָך גאָרניט. שטעלט זיך ווידער אָפּ אויף עטלעכע יאָר. צייט וואָרט. ניט געיאָגט. טאָג גייט, טאָג קומט — טיק טאַק! טיק טאַק!

14. אָפּמעסטנדיק דעם צייט־עטאַפּ פון איין טייל צו דער 2טער טייל קאָמעדיע, האָט זיך זישא לאַנדוי פאַרן דריטן טייל אָפּגעשטעלט גאַנצע זעקס יאָר.

15. דאָס קען האָבן צו טאָן מיט געווינלעכע צופאַלן. מיר מעסטן דאָס אָבער מיט אונזער היסטאָרישן גאַנג. מיר געפינען דאָ אַ גאַנץ נויטיקן אָפּשטעל פאַר אַזאַ לענגערן איבערטראַכט.

16. דערווייל וועלן מיר זיך ערשט האַלטן ביי דעם ערשטן טייל.

17. „דער בלויער נאַכטיגאַל" איז געווען אַ זייער געוואַגטער צוטראַכטן זיין פאַרב.

18. פאַרב איז סטיל, כאַראַקטער. איז אַריינצוגיין אין דעם וואַסער פון צונג, ווי אַזוי וואַסער־פאַרב פון וואָרט ווערט דאָ צוזאַמענגעשטעלט, אין פנים.

19. אַלע זיינע חברים, זיין גאַנצער קרייז, וואָס האָט נאָכגערעדט צוזאַמען מיט אים וועגן וואָרט, און וועגן אידיש וואָרט (דעמאָלט איז דאָס געווען מאָדע: אידיש־אידישיזם אין געבוירן ווערן), — זיי אַלע האָבן אויף זיין קאָמעדיע, אויף דער ערשטער טייל, וואָס איז דעמאָלט גלייך אַרויס ווי אַ גאַנץ, אַ באַזונדער ביכל, — זיי אַלע האָבן אויף דעם אַזוי גוט ווי גאָרניט רעאַגירט.

20. ס'האָט זיי ניט אָנגערירט.

21. וואָס פאַר אַ ווירקונג זייער יאָ־רעאַגירן וואָלט געהאַט אויף אים און אויף זיין ווייטערן גאַנג; וואָסער ווירקונג ס'וואָלט געהאַט אויף אַנדערע טיילן פון אַזאַ קאָמעדיע? — איינס איז זיכער: די גאַנצע קאָמעדיע, ווי ערנסט און שאַרף זישא לאַנדוי האָט זי אָוועקגעשטעלט, און געכאַפּט און אַרויסגע־

געבן אין אַ ביכל, זיין ערשט ביכל, — איז אַזוי ווי אויסגע־
לאַכט געוואָרן.

22. דער פּאָזיטיוו ווערט אַזוי אַרום ענגער צוגעפּירט צום קאָמעדיע־באַלאַגאַן. צום אידישן טעאַטער־חוזק, ווייל ער אין זיין פאָרמע ווערט פאַר׳חוזק׳ט: ווערט זייער איבערגע־קערטער זייט. ווערט אַ קאַפּויר.

23. פון דער צווייטער זייט אָבער ווערט זישא לאַנדוי נענטער צוגעפּירט צום פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיטן שאַרף רויט פון לעבן, מיטן בעסער פאַרשטיין ווייטער און טיפער דעם פאַרב פון זיין קאָליר.

24. אין דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון אַלע פיר קאָמעדיעס פאַר־צושטעלן איין גאַנצע זאַך, שפּילט די צווייטע טייל אַ פּראַכטפולע ראָל, אפשר די שענסטע, מיט איר קלאָר־ריינעם אינטים־פּערזענלעכן צוגיי, ווי זישא לאַנדוי טיילט זיך אַרויס אויסגעשניצט אין זיין דינדורכזיכטיק־פאַרבי־קער גראַציע־כאַראַקטערמעסיקייט.

25. אָבער וועגן זייער קאָמפּאָזיציאָנעלער פּערפּעקציע וועלן מיר ערשט שפּעטער האָבן אַ געלעגנהייט צו רעדן. איצט האַלטן מיר ביי זייער צוזאַמענשטעל, פון ריין פּערזענלעכן און פּאָזיטיוו היסטאָרישן צוגיי.

26. אַ גרויסע ווירקונג אויף אים פון זיין קרייז איז געווען, ווי פריער באַמערקט, פון קאָליע טעפּער. אים אפשר האָט עס זישא לאַנדוי געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין קריטישן צוגיי אין פאַרב פון וואָרט און סטיל־האַרמאָניע.

27. די ווירקונג, אַ געזונטע, האָט אָבער דאָ אויך געהאַט די רעאַקציע פון אַ צווייטער ווירקונג, אַ קראַנקע, פון ר. אייז־לאַנד.

28. ווען קאַליע טעפּער האָט קריטיש־אַנאַליטיש מיט שאַרף־אידישן סאַטירישן ביטול געהאָלפֿן סיי זישא לאַנדוי, און סיי דעם גאַנצן קרייז, וואו זישא לאַנדוי האָט געווירקט, צו עפּענען אַן אויג, צו מעסטן און וועגן יעדן וואָרט, ביז אַ פּאָזיטיוו —

29. האָט עס די צווייטע רעאַקציע פון ר. אייזלאַנד, וואָס האָט געקענט ווירקן אויף דער צווייטער זייט שאַרפער, בלויז ווען יענער האָט אָפּגעטראָטן, ווען קאַליע טעפּער איז אַוועק, —

30. די רעאַקציע האָט עס מינימיזירט צו יענעם ביטול פון דעקאַדענץ און אָפּשטעל, צו יענעם שטיל־לעבן, וואָס איז אַזוי נאָענט צו בלאַס־וויס, צום צווייטן זייט פון רויט.

31. נאָך פון יענער צייט, ווען ער האָט פאַרגעשטעלט (זע יע־נעם פאָרוואָרט) די אַנטאָלאָגיע, איז פאַר זישאַ לאַנדוי קלאָר געווען, אַז זיין קרייז האָט ניט „קיין ריכטונג״, זייער גאַנ־צער פּראָגראַם איז —

די דיכטונג אַן און פאַר זיך.

32. צוליב זיין אויל־פאַרביקייט אין כאַראַקטער, אין זיין וואָרט, און אין זיין אורקוואַל פון טראַדיציע, האָט עס אים אַזוי צו־געצויגן דער שאַרפער אייגנטלעך־רויטער אַנאַליטישער צוגיי פון זוכן און ניט צופרידן זיין, פון אָנרעג אין דעם זוכן, וואָס איז ניט געווען אַזוי ביי יענע סטאַבילע סטאַנ־דאַרטן פון שטיין־געבליבענעם קרייז זיינעם, מיט זייער אַקציע־פּראָגראַם פאַר שטיל־לעבן.

33. אָט דער קונסט־פאַר־קונסט אַ ביסעלע צוגעבן פּנים, ווי ער פאַרלאַנגט דאָרט אין זיין אַנטאָלאָגיע, איז דאָך אַזוי ווייניק פאַרלאַנגט.

34. אפשר דערפאַר טאָקע, ווייל אַזוי ווייניק, דערפאַר אַזוי ווייניק דערגרייכט.

35. איז מסתמא נויטיק געווען אַ מער נאַציאָנאַלער פאַרמעסט, כדי עפּעס צו דערגרייכן. —

36. און זיין גאַנצער קרייז, ער ניט קיין אויסנאַם, איז —
איינס און איינס ווי ראָלניק׳ס „עקאָנאָם" —
ווי אימיצער באַמערקט צום „קריטיקער" אין „בלויער נאַכטיגאַל".

37. די ראָלניק־אינטימע איינפאַכע וויניקייט, אַנשטויסנדיק זיך אין „בלויער נאַכטיגאַל", האָט גלייך געוויזן צוויי קאָנטראַסטן, וואָס קומען זיך אַריין דאָ אין דער קאָמעדיע, נאָר אָנצואווייזן די קאָמישע זייטן.

38. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פון פאַרבן אַנטקעגן שפּיל פון אַסאָציאַציעס: מאַרק מיט מעקלער, דירעקטאָר וואָס טיילט ראָלן, און ראָלן־פּערסאָנאַל, און אַנטקעגן זיי דער „קריטיקער", —

זאָל דאָס גוטע יאָר זיי קענען

— — — — — — — —

סאַראַ לאַנגווייל ווייט פון זיי!

39. פאַרבן קומען, פאַרבן גייען, פון וואַנען, און וואוהין? וואָס האָט דאָס צו זיין וויניקייט?

40. דאָס פאַרבנשפּיל האָט אַ פּובליקום. ער איז אין פּובליקום. ער איז אין פאַרבנשפּיל. ווי אַזוי?

41. צו וואָס דאַרף ער זיי; און פאַרקערט, זיי אים?

42. ס׳איז קאָמיש. אָבער ס׳איז קאָנצערט־קאָמעדיע.

43. די אַסאָציאַציעס פירן אים, שפּילמעסיק, צו אַ ביאָלאָגישער טעכניק פון פאַרב און קלאַנג. קלאַנג פאַר קלאַנג. בלוי אַלס עלעמענט פון קאָמיזם.

44. לייכטער שאַרזש מיט ערנסט מישן זיך, זייט ביי זייט, ניט געשטערט.

45. „די נאַכטיגאַלן זינגען די אַלטע לידער". „דאָס לעבן מיט דעם וואוילגערוך". — אַלץ שאַפט דעם רייך, וואָס רופט זיך „בלויער נאַכטיגאַל", און מאַלט פאַרבן אַרויס, אין שאַרזש.

46. אַ טריט ווייטער, אין פאַרבן־עלעמענט פון וואָרט, פירט אים טיפער אַריין אין אידישן ליד. עס ווערט ליבער, וואָס ענגער פאַרבונדן מיטן פאַרב, דורך אידיש ליד.

47. אַ שאָד וואָס יענער עפּיזאָד וואָס הייסט זיינע ערשטע דריי־סיק יאָר מאַכט שוין דעם שאַרפן איינדרוק אויף זיין איצ־טיקן קוק ווי אויף אַ צווייטן קאַפּיטאַל.

48. ווען דאָס לעבן פאַנגט ערשט אָן, ס'אידיש לעבן, וואָס האָט געמוזט זיין ס'ערשטע קאַפּיטל. ווען ס'איז נאָך גאָרניט ניט געשען.

49. אָבער דער עפּיזאָד קען אַזוי לייכט אין שאַרזש ניט קומען. צווייטער איז ניט ערשטער. —

50. מיר ווען זיך דאָ אָפּשטעלן, האַלטנדיק ביים ערשטן טייל פון דער גרויסער קאָמעדיע אין פיר טיילן, און באַטראַכטן אַ ווייל די גאַנצע זאַך, אין אַלע פיר טיילן.

ערשט איצט האָב איך דערפילט...

ד׳אבראזיין וידמע איך דאָס דאָזיקע ליד.

ערשט איצט האָב איך דערפילט, אַז ס׳איז אַוועק דער זומער
און נאָענט איז דער ווינטער שוין.
אין הויז איז מיט אַמאָל גאָר היימלעכער געוואָרן.
פון יעדן ווינקל ווייט אַ וואַרעמקייט.
מיין ווייב, וואָס כ׳האָב אַזוי ליב,
איז מיר אַצינד נאָך ליבער.
זי גייט פאַר׳דאגה׳ט אום אין שטוב
און פּאַקט אַלץ איין די זומערדיקע זאַכן,
די ווינטערדיקע פּאַקט זי אויף.
אין מאַנטל — זאָגט זי — ווי־ניט־איז
וועסטו נאָך איבערווינטערן,
די וועש איז אָבער שלעכט אַזוי,
מען מוז שוין קויפן נייע.

דער ריח פון נאַפטאַלין
ווערט וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער.

(זייט 84 פון זישא לאַנדויס לידער)

קאַפּיטל ח

„בלויער נאַכטיגאַל", — 1טער טייל פון בוך קאָמעדיעס.
זיין ליד פיקסירט אין אַ שאַרף ריין־פּערזענלעכן קאָלאָריט,
וואָס איז זישא לאַנדוי אין אַקציע. זישא לאַנדוי נאָך 30.

1. די שפּיל אין 4 טייל, ווי איין זאַך פאַרטראַכט אין אַ פּע־ריאָד פון אַרום 1919 ביז 1937 —

2. דאַרף ווייזן אַ פאַרנעם פון פּאָעט, וואָס האָט אינטריגירט מיטן גלי פון זיין וואָרט דעם יונגן דור פאַר דעם פּעריאָד 1910 ביז 1920; און דאַרף ווייזן פּערפּעקציע פון יענעם וואָרט ווי ער האָט דאָס דערגרייכט.

3. די גאַנצע זאַך שטעלט פאַר אַ גראָטעסק פון שפּיל, איין אינטים־פאַרצויגענער פאָדעם אין טאָן־מאָטיוו אַנטקעגן פּובליק ,און דער טאָן רעזאָנירט אין פאַרבן־קאָלירן אַלע־מאָל ערגעץ אַנדערש, קיינמאָל ניט אין האַרמאָניע. ווייל האַרמאָניע איז דאָ ניט מעגלעך, צוליב דעם וואָס עס גע־שעט ניט דאָס, וואָס עס דאַרף געשען.

4. וואָס דאַרף געשען?

5. שוין פריער איז דערמאָנט „די טראַגעדיע פון גאָרניט", אַנטקעגן דער קאָמעדיע פון „עס איז גאָרניט". אָט דער פּאָזיטיוו פון גאָרניט, וואָס גייט ווערן עפּעס, כאָטש ווערט נאָך ניט, איז דאָס דער לייוונט פון אַ בראשית, וואו פאַרבן אין נאַציאָנאַלן פאַרנעם פּלאָנירן אַ וויכטיק בילד, אויף וועלכן עס לוינט זיך אָפּצושטעלן.

6. עס איז וויכטיק מיט דעם, וואָס ס'רופט פיר מאָל רעאַ־גירן. — דער טאָן וויל וואָרט. דאָס וואָרט פאָדערט אַקט.

7. וויכטיק מיט דעם, וואָס נעמט פיר מאָל אויפרייסן און ווייזן באָדן. עס זיינען אָנגעלאָפן קולות. צו די קולות קלעפּט האַרמאָניע, טאָן, — ניט יענער קריטיקער, וואָס קומט פון ערגעץ אַנדערש, מיט זיין פּאַרטיקן אַלצוויסן, און ניט דער פּאָעט אַפילו, וואָס איז דאָ אין פּובליקום, קאָנקרעט פּאָזיטיוו אַ סאָציאַלער טייל פון דעם, מיטן קריטיקער צוזאַמען, — ווייסן עפּעס. ווייל, און אָבער דערווייל וואָס ווען, — עס איז נאָך גאָרניט געשען (אין דעם שפּיל).

8. קולות פון ווערן; קולות ניילעבן האַלטן אין קומען, און קומען.

9. הערט איר זיך צו. איר וועט הערן אַלטע באַקאַנטע קולות. אָבער ניט דאָס איז דאָס קול. די פּערזענלעכקייט, די אידעע, איז אָבער שוין דאָ. די נשמה פון דעם. דער פּאָזיטיוו, דער בלויער ניט־דאַאיקער אויפגרוי זיינער.

10. די קאָמעדיע אין פיר טייל איז דאָ געצייכנט אין סילועט. כאָטש פאַרבן זיינען אויל־שאַרף, מיינען זיי דאָ ניט פאַרבן, מיינען מער ליניע פון עקספּרעסיע. שאַרפע ליניע, וואָס וויל נאָך, און איז נאָך ניט.

11. צוליב דעם וואָס די קאָמעדיע אָפּערירט מיט צו לייכטע אָנווייזן, סילועטיש, איז די עקספּרעסיע שווער צו באַנעמען. איז דערפאַר ניט לייכט נאָכצוגיין די שטענדיק־געוואָגטע צייכנס.

12. די קאָמעדיע רעדט דאָ צום אויער, וואָס איז אָנגעשטעלט אויפן ווייטסטן דינעם אָנרעג. — און וויפיל אַזעלכע זיינען דען דאָ? רעדט צום אויג, וואָס כאַפּט אויף אַ ציטער; צום פינגער, וואָס פילט די דינקייט פון ערגעץ־ווינטל; צום געפיל, וואָס מעסט אָפּ שאָטן פון דערשיינונג; צום צונג, וואָס פאַרזוכט אַ טעם פון אָפּקלאַנג נאָך פאַר זיין קום; די הויט,

וואָס ציטערט־אויף פון מאָרגן, נאָך איידער ער איז דאָ. — וויפיל זיינען דאָ אַזעלכע פאַרשאַרפטע אויפגעשפּיצטע סענסיטיוויטעטן אין יעדן גליד און אָדער זייערן?

13. די פיר טיילן קאָמעדיע זיינען ווי יענע שווערע ערנסטע ברייטע פאַרזוכן, מער־וויניקער, ווי איוב, דניאל, יחזקאל, זוהר, פאַוסט, אין ענלעכע מאָנומענטן, וואָס זיינען סאָליד אין זייער שווערקייט.

14. כאָטש פאַר אַ סך, אַ ביסעלע צו שווערלעך אין זייער אויפפאַס און צוגאַנג.

15. וויפיל אין אַלגעמיין נויטיקן זיך אין מער האָריזאָנטן ווי אַ פיר־איילן־קרייז פערזענלעכקייט פאַר זייער פּערספּעקטיוו, אין אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַלן גייסטיקן באַרוף?

16. אַלטע און גוט־אויסגעטראָטענע פאָלקס־וועגן זיינען שטענדיק ווייט־אָפן; ווער נויטיקט זיך אין נייע?

17. די פּראָבלעמע פון אויסלעבן זיך אַ פולן, אָן אייגענעם פרישן לעבן גייסטיק, ניט טראַדיציאָנעל שנאָרעריש צופרידנשטעלן זיך מיט וואָס עס איז, ווען ס׳איז ניטאָ קיין בעסערס, די פּראָבלעמע פאַרנעמט ביי אַ נאָרמאַלן אויסגעוואַקסענעם סאָציאַלן מענטש דעם זעלביקן פּלאַץ ווי פרנסה. וואו נעמט מען פרנסה?

18. מ׳קען ניט לעבן אָן דעם; מ׳קען אַפילו ניט שטאַרבן אָן דעם.

19. פילן זיך אין איינציקן אינדיווידיואום די נויטן פון אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַלן לעבן פון אַ גאַנץ פאָלק.

20. דאָס הייסט, נעמען פילן קאָנטאַקט מיט פעדעם, וואָס בינדן איינעם אוניווערסאַל. ניט אָפּגעריסן.

21. וויפֿיל פילן עס מיט זייער נאָפּל צוגעוואַקסן צום גרויסן ברייטן באָדן פון לעבן אַרום, אַז זיי זאָלן זיך נויטיקן אין דעם אַקטיוו פון יעדן נייעם טאָג־אויפבלוי?

22. אָט דער דראַמאַטישער אויפשטייג פון לעבעדיקן מענטש, אין אַקטיוו פון לעבנשטייגער, שפּילט פאַר אונז די גאַנצע קאָמעדיע, אין אַלע פיר טיילן.

23. אָט דער פאָדעם פון אַ טאָן וויברירט פאַרבן, וואָס ווייזן אויפשטייג אַפילו אין ניט־אויפשטייג, אַפילו נאָר אין פאַר־לאַנג, אַפילו נאָר אין פּלאַן.

24. ווען די סצענעס שניידן אויף פאַרבן, זעט איר נייקייט און פרישקייט פון די אַלט־באַקאַנטע פאַרבן. זעט איר נייקייט אין אַלט־לעבן, וואָס באַנייט זיך.

25. פּראָבלעם פון ניילעבן אויפגעביסן אין קאָמעדיע פון אַלטן. פּראָבלעם פון פאַרב צעשניטן אין קאָמעדיע פון טאָן גראָטעסק.

26. די שטיקער אויפשניט פון פאַרביקן גראָטעסק איז פאַר־שטענדלעך אוממעגלעך איבערצוגעבן אין אַ קורצן פאַר־קלענערטן פאָרמאַט, רעזומאַל.

27. עס בליצן אויף ליכט און שאָטן־סצענעס אויפגעפּולווערט מיט יענעם גליי־וואָרט פון אויסגעצייטיקטער פּערזענלעכ־קייט, ביי וועמען שפּיל נעמט אָן כאַראַקטער, נעמט אָן באַ־שטימטן פּאָזיטיוו.

28. כאַראַקטער קען מען ניט צעטיילן. כאַראַקטער אין גאַנצן איז בילד קאָמפּלעט.

29. נאָר דער, וואָס קען באַנעמען דעם ערנסט פון דינעם שאַרפן פּראָבלעם פון כאַראַקטער, קען צוקומען און אויפנעמען דעם גאַנצן שפּיל.

30. ווי שוין באַמערקט פריער, ניט די סטאַנדאַרד זישא לאַנ־דוי־לידער אַנגעוואָרפן אין אַלע פיר טיילן שפּיל קענען ווייזן אילוסטראַציע פון דער קאָמעדיע. זיי זיינען דאָ נאָר עפּיזאָדיש, ענג פאַרבונדן מיט שאַרזשן פון גראָטעסק, כדי אַנצואווייזן, ווי די גאַנצע האַרמאָניע איז קאָמעדיע.

31. די לייכטע אַנווייזן, מיטן שאַרף פון שטאָל, אין דינעם ערנסט־שפּאַס, טאָרן ניט איבערגעטריבן ווערן מיט אַן אויג, לאָמיר זאָגן, פון יענעם קריטיקער פון שפּיל, וואָס רעאַליזירט עס צו אַ מעלאָדיע, ווען ס׳איז נאָר טאָן; מאַכט דערפון בילד, ווען ס׳איז נאָר פאַרב פון בילד.

32. די בראשית־פּראָבלעם פון פאַרבן איז דאָ זייער שאַרף: פאַרב אַליין איז קאָמיש ,איז פאַלש. אָבער איז גאַנץ ערנסט אין בילד, און פאַרגאַנצט פאַרמולאַציעס.

33. מיר נעמען אַ אידישן כאַראַקטער: אין לעבן גליט עס מיט פריש־פאַרב אין בלוט און פלייש. אין ניי־לאַנד איז עס אין בלוט נאָך בלאַס. פלייש קוים אויף ביין געצויגן. דער כאַראַקטער אין אידישער קאָמעדיע —

34. איז שלמה מלכו, בעל־שם. מיט פאַלשער שמינק אָפּגע־פאַרבט. און ווי עמיצער מאָלט אים אויס צום קריטיקער אין „בלויער נאַכטיגאַל״: —

מוסיע באלשעם,
אַן אַדלמאַן פון ריינסטן בלוט,
אַ שררה און אַ זאַנדערלינג — — — —

ווי דען?

35. די קלאָרע פאַרשטעלונג גיט טאַקע אַ פאַרביק אידישן בילד. אָבער ווי פּאַסט זיך דאָס צום אידישן לעבן, צום ניי־לעבן פון נייעם מענטשן, וואָס וויל פאַרב, צו לעבן אין דעם? —

36. וואָס זוכט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי פאַרבט זייער לעבן אַט דעם פאַרבנשפּיל?

37. ווי בינדט זיך דאָס; ווי האַרמאָנירט עס?

38. דער אינטערנאַציאָנאַל פון פאַרבן איז שוין אַ פאַקט. טראָמ־פייטן אין מיליאָנען אין אַרמייען שאַלן אין העראָלד פאָרויס. אַלע נאַציאָנאַלע פאַרבן אין אָרקעסטער שאַפן קאָנצערט. וואו איז די אידישע פאַרב?

39. זאָל מען ברענגען, זאָל מען אויפזוכן די אידישע פאַרב. עס פעלט אַ פאַרב. אונזער פאַרב וואו איז?

40. דעם אָרקעסטער פעלט אַ פאַרב. מיר זיצן אין אָרקעסטער אָן אַ פאַרב. דער גאַנצער אָרקעסטער ליידט דערפון. דער וועלט פעלט איין פאַסיקל. —

41. אויס אָרקעסטער. אויס אינטערנאַציאָנאַל. ווייל ניט פער־פערפעקט. טיילן זיך ווידער אויס באַזונדערע טיילן פון טיילן. יעדער טייל האָט איר פנים. נאָר איינער בלייבט דאָ איבער אַ זאַנדערלינג. אַליין. אַן אַדלמאַן, זעט אויס, פון רייַנסטן בלוט, — און בלאַס. און דערפאַר פרעמד.

42. די באַלערינע טאַנצט. אייביקער טאַנץ פון אייביקן שפיל פלאַקערט ווייטער (אין צווייטן טייל פון דער קאָמעדיע), מיט עקזאַטיק־ליידנשאַפט.

43. דער אַדלמאַן זוכט באַשייד אין די ביכער. זיינען דאָך עפּעס דאָ ביי אים ביבליאָטעקן, פאַר די ביכער, צי ניין?

44. די צווייטע טייל פון שפיל ענטפערט, אין גראָטעסק, מער אויף ניין, ווי אויף ווארשיינלעכער יאָ.

45. טאַנץ פון שפיל פלאַקערט ריטמיש אין יענע סטאַנדאַרד־לידער, וואָס ביבליאָטעק און גאַס און לעבן האָט אַזוי ליב, אַזוי גערן. עס ברענט אַ וועלט מיט ליידנשאַפט. צי האָט זי אויך ליב?

46. די צווייטע טייל פון שפּיל ענטפּערט אין ראַפּינירטע סטאַנצן זייער נעגאַטיוו.

47. צו־ראַפּינירט, צו־שאַרף. צו־נעגאַטיוו, גענומען צו ווערן אַן שפּיל, גענומען צו ווערן אַזוי ערנסט.

48. דערפאַר פעלט טאַקע אין דעם שפּיל, אין צווייטן טייל, יענע גאַנצע טייל פּובליקום, וואָס דאַרף אויפנעמען, און רעאַגירן אויף דעם. איז דער גאַנצער טייל אַ קורצע פּויזע־סצענע.

49. אַ פּויזע פון גראַציע און אויפברויז פון ריטמישער ליידנשאַפט. טאַנץ־ליבע־פלאַטעריי. אַ פּויזע פון האַרמאַניע, וואָס שטייט נאַקעט אַנטקעגן אַן אַדלמאַן פון ריינסטן בלוט, וואָס איז בלויזער שפּיל —

50. און צו בלוט האָט דאָס גאָרניט ניט. די קאָמעדיע פון גאָרניט ניט.

פֿאַר אונזער חרוב אידיש לעבן...

פֿאַר אונזער חרוב אידיש לעבן
פֿאַל איך און בעט פֿאַר דיין גענאָד!
איך וויין אויף אונזער מאַמע-ווילנע,
אויף קאָלאָמעאַ און אויף בראָד,

אויף וואַרשע, קאָוונע, קאָליש, לעמבערג,
אויף גרויסע און אויף קליינע שטעט,
וואָס ס׳איז דער שונא שוין באַפֿאַלן,
וואָס שפּעטער נאָך באַפֿאַלן וועט.

אויף יעדן אידיש שמוציק געסל,
אויף יעדער קראָם וויין איך און קלאָג.
אויף יעדער שענק, לאָמבאַרד און קרעטשמע,
אויף אונזער פֿאַלשער מאָס און וואָג;

אויף יעדן אידיש פֿריילעך הייזל,
וואָס אין אַ גויאיש שטעטל שטייט —
אויף אַלץ וואָס איז געווען אונזערס
און מיטן רויך אַצינד פֿאַרגייט.

ס׳איז ריין און העל אַלץ, וואָס ס׳איז אידיש!
דאָס אָר׳מע לעבן בוי צוריק!
און די פֿאַראומערטע נשמות
מיט אַ ניט-דאַאיק וואָרט פֿאַרוויג.

(זייט 113 אין זישא לאַנדויס לידער)

קאַפּיטל ט

דער ריין־לירישער „בלויער נאַכטיגאַל" קומט נאָענט צו יענער טראַדיציע־פאַרביקער אידישקייט, וואָס איז רויט, צו־שאַרף פאַר אים, ווייל ניט זייער באַקאַנט צו אים: רויט־ווײַן, זיין ליד, צעשפּילט זיך שאַרפער אין שפּיל, צוליב ריין־פּערזענלעכן אמת, וואָס איז אַזוי רויט־שפּילעריש אין זיין בלוט, כאָטש ווייט פון אים אין פאַרנעם.

1. אָפּגעטראָטן אַ ווײַל פון וואַנען מיר האַלטן, ביי דעם ערשטן טייל, פּרובירן מיר רעזומירן —

2. זישא לאַנדוי, אַריינגעלעבט אין נאָרמאַל אויף דעם פּעט פון זיין פאַרביקער פאַמיליע־טראַדיציע, וואַקסט אַזוי נאַטירלעכערווייז אַריבער זיין סטאַנדאַרד־ליד, וואָס באַפרידיקט אים ניט, ווייל קען אים ניט באַפרידיקן. ער גייט ווייטער.

3. זיין כאַראַקטעריסטישער גלי פון וואָרט, וואָס האָט, אין סטאַנדאַרד, אַזוי באַגייסטערט זיין קרייז, נעמט אָן אַ שטאָפּל־העכער־קאָנקרעטן שאַרף, וואָס ער באַנוצט איצט, אין 1920, מיט יענער לאַנדוי׳ישער שפּיל־בויגיקער גראַציע, מיט יענער לאַנדוי׳ישער שפּאַס־עקזאָטיקע, וואָס האָט אַזוי ווייבלעך־ווייך ליב ניט־דאַאיקן בלוי, און אַזוי פּיינט אַ נאָענטן, אַ דאַאיקן פאַקט.

4. ניט־צופרידן מיטן בלאָס פון פאַסיוון איינפאַך־לעבעדיקן וואָרט, זוכט ער פיקסירן אין שפּיל אַ פאַרבן־קאָנקרעטן אַקטיוו.

5. זיין קרייז, זיין פובליקום, זיין קריטיקער, זיין גאַנצער פּיקסירטער שטאַב, איז דאָרט אין שטיל־איינפּאַכן שפּיל, וואו ס'איז נאָך גאָרניט ניט געשען. פון וואַנען ער איז אָפּגעטראָטן אין שפּיל אָן אַ זייט, ווייטער־צו, צו זיין ליב ניט־דאַאיקן בלוי.

6. אַזוי, אַז ער קען זיי זען, און זיי אים — ניט.

7. נעמען זיי אָן דעם אַקטיוון שאַרף פון זיין גלי, פאַרכאַפּט, ווי חוזק, ווי סטאַנדאַרד־ערנסט. נעמען דאָס אָן, און ס'שניידט רויט —

8. און זיין וואָרט האָט אַזאַ ווידער־געפּיל, אַזאַ קעגנזייטיקע נעגאַציע צום רויט; ווען זיין וואָרט לעבט נאָר אין שפּיל פון פאַרבן, וואָס טאָר ניט גיין ביז רויט, וואו ס'איז טויט־ערנסט, וואו ס'איז שעדלעכער סוף, וואו ס'איז די קאָמע־דיע פון גאָרניט איבערגעקערט אויף טראַגעדיע.

9. זישא לאַנדוי גרייכט אַזוי, אין שפּיל, צו אַן אַקטיוו־לעבע־דיקן פּערפּעקט און עפעקט פון וואָרט אין פאַרבן.

10. וואַרפט די ערשטע קאָרט אין שפּיל. זיין קרייז דערזעט, אַז ער וויל שפּיל.

11. זיין קרייז בלייבט צום שפּיל קאַלט־ערנסט. זיי האָבן שוין אַ סטאַנדאַרד־ליניע, אַ דאָגמע, אַ טעאַטער־שפּיל, אַ קאָרט. זיי זיינען שוין פּיקסירט.

12. אים ווערט דאָס מיט זייער דערווייטערן זיך — נענטער, אינטימער, ענגער פאַראינטריגירט, שיכור פון די פאַרבן, וואָס ער האָט אַזוי ליב און לעבט אין זיי; פון די פאַרבן אין לעבעדיקן וואָרט, וואָס איז פאַר אים שפּיל פון ליד, פון גראַציע, פון ליבשאַפט.

13. כוח פון לעבעדיקן וואָרט באַלעבט מיט נייע כוחות; כוח פון לעבעדיקער פאַרב ווייזט אים נייע, ווייטערע פאָרמען און בילדער, אין ווערטער, אין מענטשן.

14. די אַלע בילדער פון ווערטער און מענטשן און פאַרבן פאָדערן אַקציע. ביי דעם פאָדערן בלייבט דאָס. גאָרניט געשעט. גאָרניט דאַרף געשען. ס׳איז קאָמעדיע־שפּיל. ס׳ניט רויט.

15. דער אַקטיוו גייט ווייטער אָן. אַזוי פיר מאָל אין קאָמעדיע־רינג. אַזוי פיר מאָל אין פיר זייטן אַריין און אַרויס. מיטן זעלבן רעזולטאַט.

16. ס׳איז באַמערקט געוואָרן שוין ניט איינמאָל, אַז מיר דאַרפן ניט נעמען דאָ די רעזולטאַטן ווי אַ מאָס, און מעסטן עס ווי פיר מאָל דער זעלביקער שלוס. ס׳איז שפּיל. מער שפּיל אין פאַרב, ווי אין עפּעס, וואָס קען האָבן אַ שלוס און אַן אָנפאַנג.

17. דער אָנפאַנג אין ניט־דאָאיק בלוי, איז אַן אָנפאַנג אין ניט־דאָ. אין אַבסטראַקט, וואָס נעמט דאָ אָן אַקט. אַ סילועט.

18. אַן אָנפאַנג אין פאַרב.

19. אַן אָנפאַנג דערגרייך, וואו זישא לאַנדוי זעט זיך אויסגעוואַקסן, זעט זיך אויסלעבן אין ליבשאַפט פון פאַרביקן וואָרט, וואָס גייט־אויף אין אינטערעס, אין ענערגיע, אין פאַקט.

20. דער בלויער נאַכטיגאַל איז דאָ. ניט ער פאַנגט אָן עפּעס. ניט ער פאַרענדיקט עפּעס.

21. ...וואָס ער טוט — איז שפּיל. ערנסט — איז די קאָמעדיע. אָבער מער ערנסט — איז עס גאָרניט. גאָרניט

מער ווי שפּיל. ליבע־שפּיל, וואָס האָט פּיינט ערנסט, ווי רויט, ווי טויט, שפּיל־גראַציע, וואָס האָט ליב טאַנץ און אַלצדינג, וואָס פאַרבט קאָלירן.

22. געזאַנג־קאָלירן. ליד־קאָלירן. אַלצדינג קאָלירן. אַפילו ניט־דאַאיקייט. אַפילו גאָרניט.

23. עס זינגט. אַלץ זינגט. גראָז. שטיינער.

24. ער איז צוגעקומען צו די פאַרבן, וואָס זינגען לעבעדיקן געזאַנג, זיין אייגענעם געזאַנג, און ער האָט גענומען וויק־לען גוף. גענומען קריגן פּנים.

25. איז דאָס נאָך וויניק? ניין, די פּראָבלעמאַטיקע פון יע־נעם קראַנקן אַבנאָרמאַל וועגן ציל, וועגן זיין, וועגן אָנ־הויב און סוף פון זאַכן, צו מעסטן וויניקייט און אַ סך, — איז ביי דעם נאָרמאַלן זישא לאַנדוי אויסגעשלאָסן.

26. דער נאָרמאַלער פאַרב אין פּנים צעשפּילט זיך, און ער איז ענטפער אויף אַלץ.

27. אין זיין צוים־ברעכערשער זוכעניש פון פּראָבלעם פון פאַרבן, האָט ער דערגרייכט יענע געזוכטע הויך, וואו ער קען זיך שפּילן ווייט אַוועק פון יענעם פרומען דאָגמאַט, וואָס שלאָגט זיך אָן אין ענגשאַפט, און שטויסט זיך אַלע־מאָל אָן אין וואַנט פון פּראָבלעמע.

28. אין זיין צוים־ברעכערשער זוכעניש צום עגאָצענטריק, גרייכט ער סאָציאַלן בינד־פאָדעם, וואָס בינדט אים צום קאָלעקטיוון טאָן פון האַרמאָניע, פון סאָציאַלן קאָנצערט.

29. די פיר טיילן פון שפּיל פירן אים צו אַזוי נאָענט צו זיין פּנים פון וואָרט, אַז נאָכדעם וואָלט אָן צווייפל געמוזט קו־מען אַ פּאָפּולערער פאַל־אַרונטער און רעאַקציע צום סטאַנדאַרד, וואָס ער האָט פּיינט געהאַט, ווייל רויט. ווייל דאָגמע־טויט.

30. איז דערפֿאַר דאָס געווען זיין העכסטע מעגלעכקייט, זיין אַ פֿולשטענדיקער צופֿרידנשטעל.

31. מיר וועלן שפּעטער האָבן מער געלעגנהייט אָנצואווייזן דאָס קאָנקרעטע אין דעם דערגרייך.

32. איצט וועלן מיר נאָכגיין זיין ריטערישן צובינד צום וואָרט זיינעם, וואָס ער האָט פֿריער, אין זיינע לידער, געפֿירט מיט יענעם געמאָסטענעם פּאָפּולערן סטאַנדאַרד פֿון דיסציפּלין.

33. דער בלויער נאָכטיגאַל פֿירט אים אין דער געאָגראַפֿיע פֿון באַגערטן לאַנד פֿון אַקטיוו, און שפּיל, און מעגלעכקייט.

34. ווי ערשטע פֿיאָנערן אין אַ לאַנד טוען אַלעמאָל, נעמט ער אַ פֿעלד־מאָס.

35. די ערשטע מאָס איז בלוי. ער זעט, ס׳איז גוט.

36. האָט דאָך יעדער איינער פֿאַרב. איז דען עפּעס נייעס דאָ, ווען ער זעט בלוי; ווען ער ווייזט בלוי?

37. איז ער דאָך שטענדיק געווען בלוי. ביי זיי, ביי זיין קרייז, איז איצט אַזאַ פּנים חוזק. ביי זיי, ביי זיין קרייז, איז איצט דער שפּיל, זיין שטענדיקער שפּיל — ערנסט.

38. וואָס האָט דען דאָ פּאַסירט?

39. מיט דעם שאַרף־דינעם סאַרקאַזם ווייזט ער זיי אַן ערנסט פּנים.

40. ער האָט אַזוי שטאַרק ליב דעם דינעם שפּיל פֿון זיין זייער ערנסט.

41. זיי זיינען דאָך אַזוי נאָענט צו אים; וועמען דען זאָל ער דאָס ווייזן?

42. די קאָמעדיע שפּילט אַזוי שאַרף, כאָטש זיי אַלע זעען עס אַנדערש, און טאָקע דערפֿאַר וואָס זיי זעען עס אַזוי אַנ־דערש.

43. ער זעט, ס׳איז גוט. אַט דער בלוי, אַט די ניט־דאַאיקע פֿאַרב, וואָס איז דאָך זיין, כאָטש ער איז אַזוי ליגן, פֿון זיין סאַמע אָנהויב, ביז דעם סוף, וואָס איז ניטאָ. פּונקט ווי אין שפּיל איז קיין אָנהויב אויך ניטאָ, — די פֿאַרב איז פֿאַרט זיינע; און ס׳איז גוט.

44. ניט ער איז שולדיק, און ניט די פֿאַרב שולדיק, אין דעם פּאַסיוון בלאָס זייערן.

45. דער קאָנטראַסט פֿון פֿאַרב און פּאַסיוו־בלאָס פּייפּט ווייטער, און צוזאַמען, סאָציאַלן אַקטיוו. די שפּיל גייט אָן. נאָך אַ קורצער פּויזע, און אין דער פּויזע נאָך פֿאַרגאַפּט, נעמט ער די צווייטע מאָס.

46. צווייטע מאָס איז טאָקע רויט. אין זיין שפּיל אָבער איז עס אַלץ גוט.

47. צוויי מאָל גוט איז געוויינלעך שלעכט. דאָ איז עס אָבער אין שפּיל, אין סטאַדיע פֿון ערשט נעמען אַ מאָס, און ס׳איז נאָך ניט ערשטע און נאָך ניט צווייטע מאָל.

48. און קיין דריטע מאָל, נאָך דעם רויט, איז אויך ניט מעגלעך.

49. דערפֿירט ביזן טורעם פֿון רויט, דערזעט ער ערשט, ווי ער איז איינער אַליין, און ווי ער איינער איז אַ צענטראַלע פֿיגור אין אַ דאָן קיכאָט־קאָמעדיע פֿון גאָרניט.

50. ערשטער טייל. צווייטער טייל. און דער ריטער פֿון וואָרט בלייבט שטיין לענגער, פֿאַרגאַפּט פֿון פֿאַרבן־שפּיל.

וואָס דאָן קיכאָט האָט געפּילט
ווען מען האָט אים אויסגעלאַכט

דער שטאָלץ פון ריטערטום, די ערע פון לאַמאַנטשאַ,
דאָס ליכט, וואָס לייכט אַזוי פיל דורות שוין
צום פרייד פון אַלע גוטע און פון ריינע;
אָ, דער, וואָס האָט געזען פאַרשטעלטע ריטער
אין אַרבעטער, גנבים און אין רויבער;
פאַר ווענען די, וואָס וואַרטן ביי די שענקען
געווען זיינען הערלעכע פּרינצעסינס,
און יעדע וועשין איז געווען דולציניי —
פאַרגאַנגען איז אַמאָל אין אָוונט צו אַ פּרינץ,
אַן אָרט, וואו אַנצושפּאַרן איבער נאַכט דעם קאָפּ, געבעטן.

געווען איז דער פּרינץ אַן אַכזר, און דאָס שלעכטע האַרץ
האָט אָנגעהויבן זיך אין אים פאַר פרייד באַוועגן.
און צוגעטראַכט האָט דער אומגליקלעכער, כדי זיך מאַכן לוסטיק,
טאָרטורן דינע פאַר זיין וואונדערבאַרן גאַסט.
איין טראָט איז בלויז, ווי יעדער פון אונז ווייסט, פון כבוד צו בזיון,
האָט ער אַזוי פיל כבוד אונזער האַר גענומען ווייזן,
און ווילד אַזוי דערביי איבערגעטריבן,
און דאָן קיכאָט געבליבן שטיין איז אומבאַהאָלפן,
און ווי אַ אינגל זיך פאַרלאָרן.
דאָך באַלד האָט אַ ניט-דרייסטער שמייכל צוגעדעקט זיין פנים,

און זיינע ליפּן האָבן אָנגעהויבן שטיל, פאַר זיך, צו שטאַמלען:
מסתמא איז דאָך דאָ אַזאַ מין מנהג.

אָ, ניט געזען האָט אונזער האַר, ווי ס׳שטיקט זיין ווירט זיך פאַר געלעכטער!
ווייל צו אומשולדיק איז דער האַר געוועזן!
ווייל ס׳איז צו ריין דעם האַרנס האַרץ געוועזן,
אַז ער זאָל גלויבן, ס׳קאָן אַ מענטשלעך האַרץ דערפרייען
דאָס שפּעטן און דאָס לאַכן פון אַ צווייטן.

(זייטן 163־164 פון זישא לאַנדויס לידער)

קאַפּיטל י

די ליניע פון זיין נאָרמאַל אויסוואַקסן צו פאַרשטיין פאַרבן און ווערטער. ווי ער קומט־צו ניט גלייך, נאָר פאַרקערט, צו זיין אידישער ליניע.

1. צוויי ליניעס פירן אַ שרייבער אין די וועגן פון לעבן. אין איין נאָרמאַלער ליניע, אין דער ערשטער, איז דאָס, פון לעבן — און אויסלעבן זיך.

2. אין אַן אַנדער נאָרמאַלער ליניע, אין דער צווייטער, איז דאָס פון בלאָנדזשען — און געפינען זיך.

3. פעדעם ציען צו אַזוי פיל וועגן, און יעדער פאָדעם קומט פון לעבן, און גייט אין לעבן אַריין. פון בלויזן צוקוקן זיך נעמט שוין פלאָנטערן וואַלד אין ווילד.

4. און יעדער פאָדעם איז אַזוי באַטירלעך, פון לעבן גענומען, אַז נאָר איין בליק אויף זיי, מאַניען זיי, מיט ריטם־געזאַנג.

5. איצט קומט נאָך די אַבנאָרמאַלע ליניע, פון אויסלעבן זיך — אין לעבן.

6. אַז מיר פּרוּווען צייכענען אין די פיר טיילן פון בוך די ליניע פון דעם זישא לאַנדוי־גאַנג, וועט דער דיאַגראַם —

3
האָריזאָנטאַל

2 רעכטס   1 לינקס

זיך
4

7. ווייזן ווי אַבנאָרמאַל דער נאָרמאַלער גאַנג פון זישא לאַנדוי איז געגאַנגען, און געקומען, צום פאַרענדיקטן פּראָצעס פון אויסגעפינען זיך, און באַקאָנען זיך.

8. צוקומענדיק צוריק צו אַ פריערדיקן אָנמערק: אַלע פאַרבן זיינען רויט. אַלע פאַרבן זיינען לעבן. אַלע פעדעם זיי־נען פון לעבן און אין לעבן. — איז ניט קיין פרעג:
ווע־לכער פאַרב איז מיינער; וועלכער פאָדעם פירט פון מיר און צו מיר, און פון מיר צו יענעם גאַנג, וואו איך לעב, און לעב זיך אויס?

9. זישא לאַנדוי זעט בלוי. אַלע פאַרבן אין רעפלעקס אַנט־קעגן זינגען אַלערליי לידער. אַלע לידער פון יענער איינ־ציקער ליד, וואָס הייסט געזאַנג, וואָס הייסט ביי אים אַלץ מיט אַנאַנדער.

10. זיין צוגיי צום געזאַנג, און זיין גאַנצער גאַנג אַזוי, זעען מיר אין אַ ליניע פון אויסלעבן זיך מיט יענעם געזאַנג, וואָס איז „ניט פון דיזער וועלט”.

11. שפּעטער ווערט דאָס שאַרפער: „ניט־דאַאיקער בלוי”.

12. נומעראַל אין די פיר טיילן פון שפּיל, וואָס מיר באַטראַכטן פאַר זיין אויטאָפּאָרטרעט אין אויל־פאַרב, ווע־לן מיר אַזוי אָנצייכענען:

13. ערשטער טייל פון לינקס צו רעכטס (1) פון ניט־דאַאיקן בלוי, צום צווייטן טייל פון (2) דאַאיק רויט; און ווייטער האַרי־זאָנטאַל, אין שפּיל־קרייז (3) צום אויסערלעכן (אין אויס־לעבן זיך) דאָס קאָרטנטישל, ביז זיך אַליין, דער ענגלי־שער דעטעקטיוו (אין בוך) (4), וואָס געפינט אים אויס.

14. דער נאָרמאַלער־אַבנאָרמאַלער שפּיל איז אַזוי שטענדיק, אומעטום, און אויך דאָ. פונקט ווי דער שפּיל פון פאַרבן אַנטקעגן בלאָס (דער אַבנאָרמאַלער פאַרב).

15. פעדעם. פאַרבן. לעבן. לעבן זיך אויס. שטענדיק איי־נער אַנטקעגן אַלע. שטענדיק־לעבן אַנטקעגן אויסלעבן זיך. ס׳איז ווי פון לעבן אין אויסלעבן זיך, און צוריק. אַ קיינמאָל ניט אויסלעבן זיך. אַ שטענדיקער לעבן.

16. דאָ איז אַזאַ צוזאַמענשפּיל, אַז ס׳איז ניט דער פראַג: ווער און וואָס איינער איז? —

17. די פּראָבלעמע איז געשטעלט: זיינען דאָ פאַראַנען פאַרבן? לעבן די פאַרבן דאָ, אָדער זיינען דאָס דאָגמע־פלעקן? האָבן זיי אַ פּנים, אָדער זיינען זיי אַ מאַסע, אַ פאַרמיש? —

18. און האָט זיין בלוי אַ פּנים? האָט עס אַ אידישן פּנים? און וואָס איז דער סימן, אַז ס׳לעבט? איז דאָס אידיש לעבן? וואָס בינדט עס מיט אידיש לעבן, מיטן לעבן אין אַלגעמיין?

19. אָט די פעדעם, וואָס ציען פון לעבן צו לעבן, ווי אַזוי ווירקן זיי אין פאַרב? ווי אַזוי קאָלירן זיי זיין וואָרט־פּנים? און ווי אַזוי וואַשן זיי דעם פאַרב אָפּ?

20. ווען זישא לאַנדוי האָט צום אָנהויב־אָן גענומען יענעם פאָ־דעם פון „ניט דיזער וועלט״, פון ניט־דאָ, און דערנאָך פערזענלעך שאַרף געפאַרבט עס בלוי, איז די פּראָבלעמע געווען: וואוהין — דער בלוי, און פונוואַנען?

21. עס ציט צוריק צום רויט. צוריק איז צעפאַל.

22. גענומען פון לינקס לעבעדיקע ווערטער. (און אידישער גאַנג איז פון רעכטס צו לינקס); געזען ווי פאַרביק, ווי פערזענלעך בלוי זיי זיינען; און ווי שאַרף זייער אויסלעבן איז. —

23. אָבער ווי מאָדנע, זייער לעבן האָט ער ניט געזען.

24. אין אידישן פאָלקלאָר איז פאַראַן אַ צוויי טויזנט יאָר־אַלט ווערטל: אַנדערע לעבן אַ גאַנצן לעבן דאָס צו דערגרייכן, און אַנדערע נעמט עס נאָר איין רגע.

25. זישא לאַנדוי, דער אייביקער ריטער פון וואָרט, האָט שטענ־דיק געהאַט יענעם פולן צוטרוי צום וואָרט, און געגלויבט, אַז דער באַשייד איז שטענדיק דאָ אין וואָרט.

26. דער פערזענלעכער צופאַרב פון וואָרט, דאָס פערזענלעכע לעבן פון וואָרט, מיינט נאָך גאָרניט. אָט, נאָר אַ צייט־פאַרטרייב, און זעלטן מער. איין וואָרט איז קיין וואָרט.

27. אויב פאַר אים איז ניט־דאָאיק בלוי זייער אַקטיוו, — ווי איז עס פאַר אַנדערע? למשל, ער זאָל אַרויסגעבן זיינע לידער אין אַ ביכל. וואָס מיינט עס, אין עפּעס קאָנקרע־טעס, פּאָזיטיוועס?

28. סאָציאַלער לעבן פון ליד, פון אידיש וואָרט; פאָדעם וואָס ציט פון לעבן אין ליד און צוריק, — דאָס אינטריגירט אים נאָך זינט זיין אַנטאָלאָגיע־אַריינפיר.

29. אויב דער פערזענלעכער לעבן פון וואָרט מיינט עפּעס, דאַרף עס ווירקן, דאַרף דאָ עפּעס געשען, דאַרף עס צו־נויפבינדן עפּעס, פון ערגעץ צו ערגעץ.

30. ס'איז אַ דאַנק דער ענערגישער ליניע צום לעבן, וואָס ער גרייכט דעם לעבעדיקן אידישן טאָן. כאָטש ער פאַרשטייט אים ניט. גרייכט דעם פאָדעם מיטן לעבן־אַקטיוו, כאָטש עס איז גאָרניט ניט געשען; און גראָד צוליב דעם טאַקע.

31. דער סאָציאַלער נערוו איז דאָ געווען.

32. ס'איז ניט גלאַט גענומען, אין שפּיל, ווערטער פאַר אַ צייט־פאַרטרייב. ס'איז ניט גלאַט אָנגעהויבט אַ פערזענ־לעכן פאַרב, וואָס איז נאָר דאָ מיטן טאָג, און פאַרגייט מיט אים צוגלייך.

33. ער נעמט די פאַרב פון טאָג און שליסט זי אָן אין אַ פּאַנאָ־ראַמע פון פאַרבן, אין טעג. און ס׳איז נאָך ווייניק.

34. פאַרלאַנגט ער רעכענונג.

35. ער זוכט אין יעדן פאַרב רעפלעקס, שאָטן, ליכט, געשיכטע. —

36. און אָט איז דער אידישער שטייגער. די אידישע פאַרב.

37. מ׳קען אים אַזוי לייכט דערקענען. אָבער צו לעבן אין דעם, איינצולעבן זיך, אויסצולעבן זיך, דערצו פאָדערט זיך ניט מער ווי אָנצופאַנגען אַ לעבן פון אָנהויב ביז איצטיקן סוף.

38. איז דאָ אין שפּיל זיין טענה צו זיך אַליין, און צו זיין גאַנצן קרייז, סיי די וואָס זיינען מיט אים, סיי די וואָס זיינען ניט:
— גיט רעכענונג!

39. עס איז גאָרניט ניט געשען. — און פאַרוואָס?!

40. אָט איז די שפּיל. דער אַקטיוו. ס׳שפּילט קאָמעדיע, ווייל אין ערנסט, אויסגעלעבט — פאַרשטייט ער דאָ צו ווייניק. ווערטער זיינען אין ניט־דאָאיק בלוי, ניט־דאָאיק אויסגעלעבט.

41. און יעדער האָט זיך זיין ראָל. דער בלויער נאַכטיגאַל, דער רויטער נאַכטיגאַל, דערנאָך שיפּע זיבעלע, — אַלץ ריכטיק ווי מ׳ווילל. ווי ער וויל. ער און זיין קרייז. מיט זייערער קאָרטן־אויסלעבן זיך.

42. פון זיין ניט־דאָאיק בלוי זעט זישא לאַנדוי אין פּערספּעקטיוו וואָס ניט מעגלעך אַנדערש־וואו, און בילדער קומען אַזוי אַנדערש, און ווערטער אַנדערש.

43. זיינען עס די ווערטער און בילדער, וואָס מאַכן אַזוי פאַר־ביק, מיט יענעם פאַרלאַנגטן אידישן פאַרב און טאָן, די גאַנצקייט און פולקייט פון דער שפּיל.

44. אין הינטערגרונד שטיקער נויאָרקער אידיש־לעבן, ווי אין טעאַטער אַקטיוו געזען, ווי אין שמינק־קאָלעקטיוו. אַרום די גאַנצע פאַרב פון איצטיקן סאָציאַלן וועלט־פאַרנעם. —

45. און דאָך ניט פון אָרט!

46. אַ זיג־זאַג פון טראַדיציע־פאַרב. פון געשיכטע אין קרוי־מען שפּיגל. פון דירעקטיווע כוחות וואָס טאַנצן אַריין אינ־מיטן, ווי סימפאָניע־קאָמיק. —

47. און ניט פון אָרט! — און פאַרוואָס?

48. דער אידישער טאָן ווייזט דאָ פאַרוואָס. דער אידישער פאַרב ווייזט אָן אין וואָרט דעם באַשייד, ווי מיר וועלן עס שפּעטער אַרומרעדן. —

49. אָבער דער באַשייד שטייט, און וואָרט, כאָטש „גרייכן קען אים יעדע האַנט" (זע אָנפאַנג פון צווייטן אַקט אין 4טן שפּיל).

50. לעבן קען מען. און מ'לאָזט. נאָר וואָס דען? — צו דעם קומט ער איצט.

צום טשעכאַנאָווער

(ר׳ אַברהם לאַנדוי, 1785—1875)

איך בין ניט פריי — פון מיינע זיידעס
ציט זיך נאָך מיר אַ לאַנגע קייט;
איך בין ניט פריי — מיין טראָט און קער איז
פון אויגן נאָנטע שטרענג באַגלייט!
נאָכלעסיק, אָבער מיט אַ האַנט אַ פעסטער,
דיך שמיד איך וויטער, אייזערנע קייט.

אַם נאָענטסטן פילט מיין בלוט דיך, טשעכאַנאָווער,
ווייל פונקט ווי דיר איז ס׳לעבן מיר אַ פליכט,
וואָס יאָ צי ניט באַהבה אָנגענומען,
דאָך אָבער פאַר דעם שיקזאַלס שטיינערנעם געזיכט
וועט ס׳הארץ מיינס ניט קיין ציטער געבן,
ווייל פונקט ווי דו פיל איך די הייליקייט פון פליכט.

דאָך אין דער נעץ פון פליכטן און געזעצן,
אָ, וויפיל פרייהייט איז פאַראַן און פרייד!
און בלויז אַ שקלאַף קען מיינען, אַז אַן אָדלער
האַלט אין דער שטייג ניט זיינע אָרעמס אויסגעשפרייט!
אָ, ר׳ אַברהם טשעכאַנאָווער,
איך האַלט ווי דו די אָרעמס אויסגעשפרייט!

(זייט 148 פון זישא לאַנדויס לידער)



קאַפּיטל יא

„שיפּע זיבעלע" — אין קאָמעדיע־ליניע. „שיפּע זיבעלע" 3טער טייל פון דער קאָמעדיע, וואָס שפּילט נאָך ווייט אַריין ביזן סוף פון 4טן טייל, — ווייזט ווי די קאָמעדיע „עס איז גאָרניט ניט געשען" שפּילט „דעם דורכפאַל פון זיין לעבנס־אידעאַל", דעם ניט־מעגלעכן אויסלעבן זיך פון זיין ליד.

1. וויפיל איז שולדיק „שיפּע זיבעלע" *); ווי האָט ער געווירקט אין דעם שטייגער אויסלעבן פון זישא לאַנדוי, ווי מיר מערקן דאָ אין שפּיל; ווי אַזוי קאָרטנשפּיל פאַרנעמט אין בוך גאַנצע צוויי דריטל פון זיין אויטאָפּאָרטרעט־קאָמעדיע, איז פאַר אונז דאָ ניט ווייניק אינטערעסאַנט.

2. ווי מיר באַמערקן אים דאָ, אויפן פּאָרטרעט, איז ער אַ סך רואיקער. די קאָרט האָט געווירקט ווייכער, ווייבלעכער מאַכן דעם ביטער־גאַל פון יענע יונגע שאַרפע נאַכטיגאַל־טיילן, יענע צוויי טיילן, וואָס מאַכן אויס נאָר איין דריטל אין בוך.

3. איצט איז דער טאָן מער רעאַל־פּאָליטיש. ווייניקער טאַנץ און מער אַקט. מער האַנדלונג און מער רייד.

4. זישא לאַנדוי איז שוין אַריבער אין די פערציקער. דעם לעצטן נאַכטיגאַל רויט, דעם שענסטן טייל ריטמיש־ווייכע, לירישע, ריטערלעכע גראַציע אין ראַפינירטן שפּאַס, זיינע עכאָ־טענער בלייבן אַוועק אין ניט־דאַאיק בלוי. —

5. די פּיליסטער־צייט איז פּאַסיק־אַנגעמאָסטן פאַרן קאָרטנ־

---

*) אַזוי הייסט דער דריטער טייל פון די קאָמעדיעס.

שפּיל. דער נאָרמאַלער וואָרעם פּרעסט־אויף דעם גאַנצן ריטם פון שפּיל.

6. מיט נאַטירלעכן גאַנג. רויט ווערט איצט אויסגעלאָכט מיטן בלוי. — פאַנגט זיך אָן שפּיל:

דער דורכפאַל פון דעם רויטן
און בלויען נאַכטיגאַל
האָט ניט געקענט דערטויטן
מיין לעבנס־אידעאַל
צו געבן אַ טעאַטער
פון שוימענדיקן וויין,
וואו ס'ווײנט די ליבסטע: כ'פּלאַטער* — — —

7. אין פּאָלציייטיקער אָראַגאַנץ, נאָך אַ פאַרנויג־פּויזע פון פאַרבנשפּיל, נעמט ווייטער זיין אידעאַל, זיין שפּיל אין קאָמעדיע, אַן אַקטיוו.

8. קאָרטנשפּיל צעלייגט זיך ברייט אין דער קאָמעדיע, וואו עס איז גאָרניט ניט געשען. פּונקט ווי יענע אַפּאַטיע, וואָס שלאָגט צום געמיט אין קלאָסנגעמיש פון נייעם טענער־קלאַנג אין ניי־לעבן־ניילאַנד־נייצייט.

9. דירעקטאָר (צו קוני לעמלען): ווילט איר וואָס דערקלערן אונז, קאָלעגע?

קוני לעמל (הוסט זיך אויס אַ ביסל און הויבט אָן שטאַמלען, שפּעטער קומט ער צו זיך):

יאָ, איך וויל! איר ווייסט דאָך, אַז שוין לענגער פון אַ יאָר ווי איך בין קוני לעמל, און ס'איז איצטער ניט מיין שולד, וואָס איך וויל עס מער ניט זיין.
(דאָרטן)

---

* זע פריער אין ה 39.

10. פֿונקט ווי אַ געזאַנג אין כאָר־געמיש אין אַלע סאָרטן טע־נער־סטאַנדאַרד, — און פּלוצים דאָס אַריינטיילן זיך אין אַ באַזונדער טאָן. דער טאָן נעמט אָן אַ מאָנאָטאָן, און איז ניט איינגעוואוינט, און ניט צוגעוואוינט דערצו.

11. פֿאַרבן פֿון נאַכטיגאַלן, מיטן שיק פֿון לעצטער מאָדע, צוגע־פֿאַרבט צום טאָג־שטייגער, און דאָ, דער אידישער טאָן, וואו ניט נעכטן און ניט פֿריער איז מען דאָ געווען. ניט־דאָאיק בלוי איז אייביק ניט־דאָ, און קיינמאָל ניט־דאָ גע־ווען. און אידישע פֿאַרבן טראָגן מיט זיך דאָ אַרום אַ געשמאַק פֿון אַלט־אַלט קאָמישע טיפֿן פֿון איזראַעליטן ערגעץ.

12. אָט די סטערעאָטיפּן פֿון חוזק און די אַלע אַלטע לידער און פּסוקים פֿון דאָגמע און שימל, — וואָס איז דאָס פֿאַר אַ קאָמעדיע; וואָס שפּילט זיך דאָ?

13. איז ניט די אידעע דאָ די פּראָבלעמע. אידיש איז זיך גאַנץ פֿיין, איז אַפֿילו אין דער מאָדע. נאָר די מנחם־מענדלס, די טוביה די מילכיקערס, אין זיין קאָמעדיע זיי־נען די פּראָבלעם. און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ באָרד צום נייעם אידישן לעבן אין נייעם לאַנד, אין אונזערן, דאָ? ווי קומט עס צו אונז און ווי קומען מיר צו זיי?

14. מלכה פּיק, אין שפּיל, זינגט. דער האָרעפּאַשניק, אַזאַ פֿאַקט, וואָס איז צעלייגט אויף טעלערלעך איצט, זעט דאָך:

עסטעטישע הור!

איינפֿאַכע ווערטער, לעבעדיקע, האָבן נאָך אַלץ דעם זעל־ביקן אַראָמאַט. לעבן שלאָגט, ווי די אַפּאַטיע אַרום זאָל ניט זיין. אָבער דער געזאַנג פֿון שפּיל, — וואָס איז דאָ געשען? איז דאָ גאָרניט ניט געשען?!

15. מלכה פּיק (צום פּראָפֿעסאָר):

פאַרוואָס האָסטו מיך ניט גענומען?
דו שווייגסט און ציסט דיין פּאַפּיראָס,
אַזוי האָסטו געטאָן אויך דעמאָלט
ווען כ׳בין געקומען גרייט צו דיר.
פאַרוואָס האָסטו מיך ניט גענומען?
עס קומט אַ מיידל יונג און ריין,
יאָ, יונג און ריין. איך ווייס באַנאַל —

16.

— — — — — — — — — — —
דו האָסט מיך אָנגעשטעקט מיט לידער,
ס׳וואָלט בעסער זיין מיט סיפיליס!
איצט בין איך אומגליקלעך, ווען ס׳גייט
אַוועק אַ צייט און ס׳ווייזט זיך ניט
קיין נייער דיכטער, נייע לידער.

(דאַרטן)

17. **די קאָרטן־שפּיל־פּלעגמע וואָס האָט אַזוי איינגעוויקלט זיין גאַנצן באַנטן קרייז, מיט אים צוזאַמען, אין שפּינוועבס, איז אַזוי דער שפּיגל פון דער גאַנצער אַפּאַטיע, וואָס האָט זיך צעלייגט אויף צוויי דריטל פון זיין גאַנג, פון זיין שפּיל.**

18. **פאַרוואָרצלט איינגאַנצן אין די שמאַטעס פון אַלט־וועלט מיט טוביה׳ן און מיט זיין סטאַנדאַרד, אין כאַר, איז נאָר באַגער זיך צו צעוואַקסן, און די פּאַטענצן ליגן פאַרוויגט אין די טראַדיציעס, און פוילן.**

19. **דירעקטאָר:**
עס וואַקסט אַ דור אַ נייער אונטער,
וואָס וועט באַדעקן אונז מיט שאַנד!

מלך הארץ:
מוז זיין פון קאַרל מאַרקסעס חברה,
פון יענע לייט, וואָס זיינען זיכער,

אַז ווען אַ מלכּה שטרעקט די ליפּן,
די ליפּן אירע צו אַ מאַן,
דאָס איז ניט כּדי אַ קוש צו קריגן,
דאָס דאַרף זי ניט.

שיפּע זיבעלע:
וואָס דען?

מלך האָרץ:
קאָלאָניעס.

(אַלע, אַלע וויינען.)

מלך פּיק:
פּרינצעסן, ס'ווינט דאָס האַרץ אין מיר!
אַזוי פיל איבערטראָגן מוז
זיין מערער ווי איך קען באַגרייפן!

(דאָרטן)

20. אַנטקעגן דער בלויער ראָמאַנטיק פון די ערשטע טיילן, וואָס האָט אַזוי אינטים אין זיך מער געטאַנצט ווי גערעדט, מער אָנגעוויזן, ווי געוויזן, זיינען די אַנדערע טיילן קאַלטער רעאַליזם. פאַקטן שרייען, אין זעלביקן דאָן קיכאָט־וויכן קאָמעדיע־ריטם, אין אַ פּרווילעכער געפּיעשטשעטער פאַר־לאַנגשאַפט.

21. וואָס קלערער ער קוקט אין פאַקטן אַריין, אַלץ מער זעט ער זיך, דעם העלד אין שפּיל; אַלץ מער אינטערעס האָט ער פאַר אים; אַלץ שאַרפער איז דאָ זיין סאָציאַלער טאָן. דער ריטער פון וואָרט.

22. שיפּע זיבעלע ווייזט אים זיין לאַנד אויף דער מאַפּע, און וואו ער איז אַזוי נאָענט, און צו וואָס ער איז אַזוי וויט.

23. פאַר אים, פאַר וועמען פּראָבלעמען איז שפּיל, פאַר אים איז עס פאַקט אין גענאַנג. פאַרב אין דעקאָראַטיוו.

24. פֿאַרבן ווערן פֿולער, וויניקער, צייטיקער, לעבן שפּילט אַריין דעם ליבן געזאַנג. אינטימלעכקייט. ס׳ווערט נאָ־ענט.

25. די נאָענטקייט פֿאַרגאַנצט אין פֿולצייטיקייט, פֿאַרשפּילט אין פֿולפֿאַרלאַנגשאַפֿט, אָנגערעגט מיט אַזאַ דעליקאַטן אַראָ־מאַט, שניצט אויס דעם גאַנצן לעבעדיקן פֿאַרנעם.

26. שלאָגט אָן אָדער פֿון אידיש לעבן מיט אַלע פֿאַרבן. רעגט אין שפּיל אַ רעפֿלעקס פֿון וויכן ליכט מיט שאָטן. שלאָגט־אָן טענער מיט טענער־קאָנצערט, וואָס ווערט קיינמאָל ניט שווער, ווען נאָר נאָענט באַקאַנט אין דער שפּיל.

27. און יעדע מעגלעכקייט, אין סטאַנדאַרד, מאַכט דעם שפּיל אין אַ פֿאָפּולערע נאָענטקייט, אינטימקייט. קיינמאָל אַ צו־הויכן טאָן, קיינמאָל אַוועק אָן אַ זייט פֿון שפּיל.

28. אידיש לעבן וויל. וויל שטאַרק. יעדן איינעם ווען ס׳איז נאָענט, ווען ס׳ווערט נאָענט, ווערט מיטגעריסן אין ווילן אַריין, מיטן שטראָם וואָס פֿליסט אין נאָרמאַל.

29. און פֿאַרבן — אומעטום, וואו ווילן איז.

30. נייער ווילן, — נייער פֿאַרב.

31. פֿאַרב איז שפּיל. שפּיל — שפּיל — שפּיל. — אומעטום שפּיל.

32. זישא לאַנדוי רייסט־מיט אין סטאַנדאַרד פֿון שפּיל. עס פֿינקלט שפּיל אין רויט־פֿלאַמיקן וויין, ווי אַ פֿרישער קאַרש, און בענקט נאָך אַ פֿיינעם ריטערלעכן באַריר פֿון גיריקן לעפֿץ.

33. די ליכטיקייט, די לויטערקייט פֿון פֿינקלען דערמאָנען אָפּט קריסטאַל־ריינעם וואַסער. —

34. זאָל מען טאָקע דעם טעות ניט מאַכן, און ניט שרייען: וואָסער — וואָסער! (ווי אין יענער אידישער לעגענדע פון די פיר אין פרדס).

35. דער אידישער עלעמענט אין שפּיל באַשטייט אין יענער שאַרפער, דינער, ליבער נאַענטקייט, וואָס דער ריטם פון געזאַנג און טאָן האָט מיטן לעבעדיקן אַקטיוו אַרום אים, און מערקט אָן, ווי פעדעם לעבן וועבן נייעם אינטערעס.

36.ביידע דורשטן איינער צום צווייטן, און ביידע טרינקען איי־נער פון צווייטן אין ליבשאַפט.

37. זישא לאַנדוי דערגרייכט דאָ נאַציאָנאַלן עקסטאַז, און גראָד אין זיין ניט־בייטן זיך, גראָד אין זיין נאַטירלעכן רייץ, אַזוי ווי אַלע קענען אים. דאַרף ער דען בייטן זיין פאַרב, זיין לעבן, צי זיין ער? —

38. אַלע פאַרבן קומען און פליסן דאָך אין איין שפּיל.

39. לעבן פאַנגט זיך ניט אָן. איז שטענדיק.

40. לעבן מעסט ניט ווי גרויס און ווי קליין ער איז, און ייי אַזוי די אַנדערע אַנטקעגן.

41. אין שפּיל גרייכט ער יענעם עקסטאַז, וואו ער איז לעבן אַדורך און אַדורך, און אומעטום.

42. און איז קיינמאָל ניט קליין אָדער גרויס. קיינמאָל ניט טראַגעדיע. קיינמאָל פּראָבלעמע.

43. דער עכטער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער זישא לאַנדוי, אין זיין געגאַרטן פּאָזיטיוו.

44. עכטער טאָן איז לעבעדיקער טאָן. זישא לאַנדוי, ריטער פון וואָרט, הערט זיך צו, און זעט ניט־דאַאיקייט, זעט אומ־מעגלעכקייט אין האַרמאָניע פון ריטם־קלאַנג־פאַרב און אַקטיוו, — זעט דעם באַשייד.

45. עס איז גאָרניט ניט געשען. ס׳האָט אויסגעציטערט זיין סטרונע. זיין גאַנץ לעבן.

46. אים איז דאָס געגאַנגען אין לעבן, פונקט ווי דעמאָלט (1922) אין זיין „בלויער נאַכטיגאַל״, ווען ער האָט געוואָלט אַוועקשטעלן זיין פאַרב אַלס פנים. געבן טויטן פאַדלע־פלייש פון ליד — פנים.

47. איצט ווייזט ער דעם רעווערס, די צווייטע זייט: זיין פנים אַלס זיין פאַרב. געבן דעם פנים זיין מאַסקע.

48. אַזוי קאָמפּלעט פאַרענדיקט ער דאָס, אין זיין פאָרם, אין זיין שפּיל־טאָן. —

49. און קיינמאָל ניט גרייכנדיק יענעם אָפּגעקילטן, יענעם וואַסער־שטילן, יענעם שטיל־לעבן רואיקן דאָגמע־גרענעץ, וואו אַלע סטאַנדאַרדס רוען.

50. און זיין ליכט האָט נאָך געהאַט געברענט. נאָך ניט געווען פאַרלאָשן.

אַ הימן

לבנה — דו פאַרקערפּערונג פון טוגנט,
ווי גנעדיק שפּאַנסטו אין דיין שטערן־קרייז,
דו קוקסט אַראָפּ, ווי אויף דער ליבער יוגנט
קוקט שמייכלענדיקערהייט דער קלוגער גרייז.

אַ דאַמע, וואָס פאַראַרעמט איז געוואָרן,
דאָך אין איר יעדן ריר איז ווירדע דאָ!
אויך איך בין אין דער אַלטער וועלט געבאָרן,
און אירער בין איך ביז דער לעצטער שעה!

אָ, וועלט פון מאָרד, פון אומגליק און פון פּיינען.
עס איז דיין קבר שוין פאַר מיר געגרייט. —
דאָך קומט מיין שעה, זאָלסטו פאַר מיר דערשיינען,
באַווייז זיך, כלה, חלום אין מיין פרייד!

דערווייל איז גוט מיר דאָ אויף דער וועראַנדע
אַרום די בערג — ווי זיילן טויטע רו,
און גוט איז מיר, וואָס איך ביי זישאַ לאַנדוי,
און גוט איז אַלעס, וואָס איך טראַכט און טו!

(זייט 145 אין זישא לאַנדויס לידער)

קאַפּיטל יב

פרישער קאַליר לעבן, אַנטקעגן אַלטן קאַליר חוזק. ווי אַזוי זישא לאַנדוי, מייסטער פון קאַליר און וואָרט, קומט־צו צום אידישן וואָרט אין לעבן. דאָס לעבעדיקע אידישע וואָרט, וואָס ער האָט געזוכט, און וואָס עס מאַכט מיט איר מאַכט איבער אים.

1. אַנטקעגן דעם שפּיל „עס איז גאָרניט געשען" אַוועק־שטעלנדיק דעם סטאַנדאַרד אידישן לעבנסגאַנג, איז טשי־קאָווע אַ באַטראַכט, ווי נאָענט דער שפּיל איז צוגעקומען צום פאַקט, וואָס הייסט לעבן.

2. אַנטקעגן די שופר־קולות שטענדיק אין קאָנצערט פון די פאַקטן; יענע פּראָבלעם־מאָטיוון אין דער ליטעראַטור, וואָס קומען אין טומל, און קרוינען זיך אַזוי פלאַנמעסיק מיטן יחוס־נאָמען: קולטור. —

3. האָבן זיי, אפשר, עטוואָס פון יענער „היילקייט", וואָס הייסט ביי זיי „שבת׳דיק", אָבער זיי האָבן זעלטן יענעם איינפאַכן פנים, וואָס זאָל געבן פרישן נאָרמאַלן קאָליר.

4. אין דער שפּיל פיגורירט דער קאָליר זייערער, וואָס קען זיך הייסן „קולטור־קאָליר", אַנטקעגן דעם נאָרמאַלן לעבעדיקן קאָליר, — ווי טיפן פון יענער בטלנות אין די פערזאָנאַזשן „מנחם־מענדל" און ענלעכע פיגורן אין „פּובליקום" אין דעם שפּיל.

5. דער שופרדיקער פאַרב זעט טאַקע אויס רויט; פאַרנעמט טאַקע דעם ווייטן אַנזען אין כאָר פון קולות. אָבער די טוכלעקייט, די פאַדלעקייט אירע שטויסט פריקרע אָפּ, און

אַזוי פאַרנעמט ערגעץ דעם לעבעדיקן טאָן עפּעס אַנ־דערש.

6. זישא לאַנדוי אין זיין נאַטירלעכן פון פרי אָן פאַרשאַרפטן אויער און אויג צו דער ניט־דאַאיקייט פון סובטילן וואָרט, האָט אים דער קולטור־טאָן און פאַרב פאַר מיילן ווייט גע־נומען קיצלען אין נאָז און אויפרעגן אין אידישן ליד אין אַלגעמיין, און אַפילו אין זיין אייגן ליד.

7. דאָ האָב איך געדאַרפט ציטירן דאָס שיינע ליד באַלאַרינעס פון 2טן טייל:

די צאָל פון מיינע יאָרן — — —

8. קוק איך איצט אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך די ציטאַטן אַרויסגעריסן פון בוך אַרויס, וואָס'ער פּנים זיי דאַרפן וויזן פון גאַנצן בוך! —

9. איז שוין אָנגעוויזן פריער, אַז די לידער באַזונדער אַרויס־צוטיילן פון שפּיל, איז גאָר נאָענט צו חוזק.

10. די פאַקטן ווי זיי שפּילן אין שפּיל, מיט זייער שטאָל־אייזערנער קליפּ־קלאַפּ־האַרמאָניע אין דערווידער, לאָכן ניט אויס דעם שופר־טאָן, וואָס קומט אַריין מיט דער נייער קולטור.

11. דער אַקט פון סאָציאַלן אַרבעטער (זע די דוד עדעלשטאַט־סצענע אין טייל דריי) ציט אים גראָד צו; ער הערט מער פון אַנדערע, דערפאַר, וואָס ער פאַרנעמט דאָס גיכער.

12. דער מאַגנעטישער כּוח פון נייעם וואָרט ציט זיך צו פאַר־נעמען דעם נייעם מאָטיוו פון סאָציאַלן רוף. אַ דראַנג צו מיטהאַרמאָניע אין אַקט, קלאַנג, און פאַרב, ווערט בילד אין דער שפּיל.

13. דאָס וואָס דאָ געשעט גאָרניט, דאָס וואָס נעמט באַלד אָן חוזק, אָבער וויזט נאָר אָן אַזוי, אין דיס־האַרמאָניע, —

איז דאָ אין שפּיל מערער שולדיק דער טאָן: ניי און אַלט געגומען צוזאַמען: באַלערינע און גראַף קאָמפּאָזיציע אויף איין טעאַטער־ברעטל; יענע דאָן קיכאָט־ריטערלעכקייט אַנטקעגן װאָרט װאָס גייט ניט־מיט אין סאָציאַלן נאָרם; יענע נאַטירלעכע דיס־האַרמאָניע װאָס אַרבעט אייביק אַנטקעגן „עס זאָל גאָרניט ניט געשען".

14. דער דאָגמאַט־מאָטיװ „איזראַעליט" האַלט־צו דעם נייעם אידישן אַרבעטער און לאָזט אים ניט לעבן אין נייעם אַק־טיװ זיינעם אין שפּיל.

15. דער פּאַרב פון נייעם אַקטיװון װאָרט שאָקירט דאָרטן צו־ליבן טוכלען קלאַנג, צוליבן טוכלען טאָן זיינעם.

16. װי לייכט עס איז צו אימיטירן, צו געבן דאָס װאָס דער גאַס איז אַזוי באַקאַנט, און „לאַטוטניקעס" זאָלן דאָס, שבת'דיק, קרוינען פאַר געגאַרטע נייע קולטור; און װי גאָרניט לייכט און װאַנט־ברעכעריש — אַנטקעגנצושטעלן עטװאָס נייעס אין טאָן און אין קלאַנג.

17. זישא לאַנדוי, אין אַ דערציערישן־סאַטירישן טאָן, איז שװער־לעך אין שפּיל, אַליין זייענדיק ניט נאָרמאַל דערצויגן אין אידישן טאָן און קלאַנג, צוקומענדיק פון דער פאַרקערטער, פון דער לינקער, פון דער צוריק־זייט.

18. ער איז דאָ, צוליב דעם, אין דער זעלביקער פּאָזיציע, אין פּובליקום, אויסגעלאַכט צו װערן, אָדער גאָרניט זאָל גע־שען מיט אים, װי אַלע אַנדערע אַקטיװון אין פאַקט פון לעבן, װאָס שפּילט דאָ די קאָמעדיע.

19. דערציאונג איז נויטיק אַ נאָרמאַלע. מ'קען צוקומען לייכט צום אידישן שטייגער װאָס איז אַזוי נאָענט. װען מ'װיל נאָר. מ'קען אָבער ניט אַריינקומען אין נאָרמאַל אַריין, װען די גאַנצע דערציאונג איז אין ניט־נאָרמאַלן, אין צו־ריקגאַנג.

20. זישא לאַנדוי איז אַזוי צוגעקומען צו דער דילעמע צו ווערן אַליין איינער פון די העלדן, וואָס מיט זיי איז גאָרניט ניט געשען.

21. די קאַנווע זיינע, געגומען אין יענער דאָן קיכאָט־מאַניר, וואָס האָט אים אַלעמאָל געלאָקט, איז ווייטער געפירט געוואָרן אָן אָפּשטעל. כאָטש ער אַליין איז דאָ ווי דער חוזק, מיט אַלעמען גלייך.

22. ווייל ער האָט עס געזען, כאָטש ניט פאַרשטאַנען. ווייל פאַר אים איז דאָס געווען ווי ער האָט עס פאַר אַלעמען געוואָלט זיין, — ניט חוזק, נאָר געזאַנג. ניט טראַגעדיע, נאָר פאַקט, וואָס הייסט ביי אים: ליד, שפּיל.

23. ער האָט גוט געוואוסט, אַז דער איינפאַכער וואָרט מיטן נאָרמאַלן לעבעדיקן פאַרב אין פּנים, איז מער ווי שופר, ווי שבת, מיט יענער „קולטור״־קרוין צוזאַמען.

24. ביז בלוט־שאַרף זיין אידיש וואָרט. —

25. פּונקט ווי דער פאַקט איז שאַרף, וואָס איז דאָ. פּונקט ווי אַלץ, וואָס איז דאָ.

26. די קולטור וואָס איז, דאַרף זיך ניט שופר'ן, ניט הייליקן, ניט מאַכן אָנשטעל, אַז זי איז.

27. אָט דער העראַלדישער אָנשטעל, מיטן גאַנצן טרומייטערן, איז ווי אין דער קאָמעדיע דער „שיפע זיבעלע״. — ס'איז גאָרניט ניט געשען.

28. דער צוקום נאָענט צום פאַקט, איז די גרויסע האַלב־אויף האַלב־טייל, וואָס אידישט דעם טאָן אין שפּיל. —

29. פאַרבט אַזוי דעם אידישן טאָן, דעם אידישן פאַרב, דעם אידישן אָנהאַלט, — אין איר אָנגעהויכטן שאָטן.

30. איז זעלטן אַ גערעטעניש אין לעבעדיקן אידישן וואָרט געשטאַלטיקט אין פאָרם פון בילדער־אַקטן פון אַזאַ נאַ־ציאָנאַלן פאַרנעם, ווי עס איז זישא לאַנדוי׳ס שפּיל אין פיר טיילן.

31. אַ גערעטעניש איז אַמאָל אין קאָנסום, אין אויסנוץ, אין רע־אַגירן און טומלען מיט אַזעלכע אַרבעטן.

32. אידישע בילדער, מיט אידישן אינהאַלט און טאָן, פון דעם קאַליבער, זענען דער פּראָדוקט פון אָנגעזאַמלטן כוח פון אַ הונדערט יאָר־פּעריאָד, צי מער.

33. דאָ רייסט זיך אַריין דער בלינדער אימפּעט פון שאַפן אין אַזאַ פאָרמאַט, מיט יענעם דראַנג וואָס איז אַ מוז, און איז דערפאַר אָן קאָנטראָל; ווייל אין אומנאָרמאַלן גאַנג פון אַ מענטשלעכן כוח.

34. אויף אַזאַ בילד ליגט דער סטאַמפּ פון צייט, און פון אַלע צייטן; פון פּערזאָן, און פון אַלעמען; פון נאַציאָנאַלער פאַרב, און אינטערנאַציאָנאַלער; פון לאַנד און באָדן, פון אומעטום און איבעראַל.

35. דער שפּיגל פון דער קאָמעדיע, וואָס הייסט „עס איז גאָרניט געשען”, וועט ערשט קענען באַטראַכט ווערן שפּעטער, אין געהעריקן דיסטאַנץ פון דער האַנדלונג, וואָס איז איצט.

36. איצט איז נאָך צו הייס די אַקציע. צו נאָענט.

37. און דער טומל אַרום, און די שופרות אין קולטור־געשריי־געפּילדער לאָזן אויך ניט צו.

38. עס איז קולטור־קולטור, — און קיין קולטור־צוטריט.

39. עס איז אַ יריד־צייט, און ירידה; טומל־צייט איז ניט שפּיל־צייט, פאַר געזאַנג, פאַר ליד פון טומל.

40. אָבער דאָס זאָגט ניט, אַז די אַרבעט איז ניט אין צייט. ניט נאָר איז זי אין, נאָר אויך פון, און אויך פאַר, פונקט ווי ניט פאַר דער צייט; פון איצטיקער, פונקט ווי פון אַלע צייטן.

41. דער דין־זילבערנער טאָן, וואָס פאַרנעמט אַזאַ דינעם זילב אין ליד, אַזש ניט אָנצונעמען.

42. דער דין־דין פון פאַרב אין געמירמל פון אַזוי פיל פאַרבן־דינגעריי אין יריד פון אידישן קולטור־פאַרבלאָנדזשעריי, וואו אַלע שופרות בלאָזן אידישקייט.

43. עס האָט גראָד איצט געמוזט רעגיסטרירט ווערן מיט דעם טאָן געקלאַנג, צו פאַרגאַנצן דעם קאָנצערט פון פאַקט, וואָס הייסט דאָ ליד. סאָציאַל־ליד־אַקטיוו.

44. און דער פנים זישא לאַנדוי איז אַזוי אַרויסגעקומען אין זיין גאַנצן געזאַנג.

45. אַזוי גאַנץ, אַז ער האָט אַזש אויפגעציטערט, זישא לאַנדוי, אָט פונקט ווי ער האָט צוערשט פאַרנומען גאַנצקייט אין טאָן אין ערשטן טייל פון געזאַנג, וואָס ער האָט געכאַפּט און דעמאָלט אָפּגעדרוקט באַזונדער אין אַ ביכל, נאָך אין 1922.

46. אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז פאַר אים גלייך דעמאָלט שוין קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז נאָר דער אָנפאַנג, און ווייטער געצויגן דעם שפּיל־געזאַנג.

47. אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך צוגעהערט געפּלעפט, ווי אינטים און פאַר אים אַליין איז דער געזאַנג, אַז אַ חוץ אים, פאַרנעמט עס דאַכט זיך קיין אויער ניט.

48. אַ קול צו אים אַליין. — די פּריווילעגיע, איבער וואָס עס ציטערט־אויף דער אמתער פּאָעט, דער נביא. אַ טאָן וואָס

רייסט זיך אין בלוט אַריין. און ער גייט, ווי אויסגעקליבן, ווי געזאַלבט.

49. אַזוי שטאַרק, אַז ס׳האָט אים געפירט אַ לאַנגע צייט, און ניט אָפּגעלאָזט, ביזן סוף פון לעצטן, פערטן אַקט.

50. ביז וואַנען ער האָט מיטן לעצטן פאַרענדיקן דאָס ביז אין דרוק אַריין (נאָך איידער דרוק האָט דאָס פאַרענדיקט), האָט דאָס געזאַנג אים פאַרענדיקט. דער סוף פון ליד איז זיין סוף געווען. אַזוי יונג. — אַזוי ער, און אַזוי זיין ליד.

אַ ליד

איך וועל אַרונטערגיין אין גאַס,
די שטוב איז ענג געוואָרן;
עס איז מיר טיש און בוך און ליד
שוין ווידער פרעמד געוואָרן.

די גאַס איז שיין, די גאַס האָט ליכט,
די גאַס האָט לופט, האָט ווינטן;
און דורכגענומען וועל איך גיין
פון ליכט, פון לופט, פון ווינטן.

און מענטשן גייען אין דער גאַס
מיט לאַכנדיקע אויגן; —
עס ווערט דיר אויפן האַרצן לייכט,
ווען קוקסט זיך איין אין אויגן.

און גיין וועל איך דערנאָך צוריק
צו טיש, צו בוך, צו לידער.
די גאַס איז שיין, די גאַס האָט ליכט,
נאָר ליכטיק זיינען לידער.

אַ ליד דאָס איז אַזוינס, וואָס דו
דערטאַפּסט ערשט מיט די פינגער, —
אויב עפּעס פרעמדס איז דאָ אין דעם,
פאַרשטעכסטו זיך די פינגער.

(זייט 216 אין זישא לאַנדויס לידער)

קאַפּיטל יג

זישאַ לאַנדויס פּאָזיציע אַנטקעגן זיינע חברים. זיין פאַמיליען־לעבן. די סאָציאַל־דאַאיקע אַטמאָספער אַנטקעגן זיין חברים־קרייז־אַטמאָספער.

1. אין אַ סך סצענעס אין שפּיל זעט מען און הערט מען ווי עס בייסט זיך איין דאָס אידיש וואָרט וואָס הייסט אַזוי מיט זיין נאָמען זישא לאַנדוי, אין דעם פאַקט ניילאַנד, און פאַרלאַנגט ליד.

2. דאָס איז שוין געווען דעמאָלט, ווען זיין גאַנצער קרייז, ענגער און ענגער אַרום קאָרטנטישל, אַרום שיפּע זיבעלע, האָבן גענומען מעלדן רעזיגנאַציע. אָפּגעשפּילט.

3. זישא לאַנדוי, כמעט (און אפשר טאַקע) דער איינציקער פון קליינעם און פאַרקלענערטן קרייז, וואָס האָט מיט אַ נאַר־מאַלער פאַמיליענהיים בעסער און צייטיקער געקענט פילן באַדן און אַטמאָספער, — האָט דאָ געזען די מיליע, וואָס וויל ליד.

4. דער פּלאַץ, וואָס פאַמיליענהיים פאַרנעמט אין סאָציאַלן אויפבוי פון אידיש וואָרט־אַקציע, פאַרלאַנגט אַ סטודיע פאַר אַ סך מער ווי אַ זייטיק קאַפּיטל.

5. סאָציאַל לעבן צעוואַקסט זיך, איז עס אַ וואַלד מיט פלאַנצן וואָס ציט רעגן, וואָס ציט קוואַל־שטאָפן פון פּרוכפּעריי; ציט ווייטער, טיפער, העכער. אַקציע ווערט נויטווענדי־קייט.

6. די קללה פון פאַמיליענלעבנקרייזלאָזיקייט האָט זיך צעלייגט מיטן כוח פון יענער ברכה פון מאָדערנער, נייער קולטור,

וואָס האָט אָנגעצייכנט די אינדיווידועלע ליניע פון איינ־
ציקן רבי ישראל קאָנטראַ כל ישראל.

7. דער קרייז, ענגער און שמעלער, ביז איינציק. איינציקע,
און איינער אַזוי פרעמד צום אַנדערן. איינער פאַרשטייט
ניט דעם אַנדערן; און זעט ניט דעם אַנדערן. דער סאָציאַ־
לער אויסלעבן פון נייעם ליד, זעט דאָ ניט די פאָדערונג
דערפאַר.

8. רוי איז נאָך דער שטאָף וואָס וועבט ליד אין ליד אין אַ
קייט. ליד מיט ליד אין לאַנד פון לידער.

9. פרע־היסטאָרישע ווימלעריי איז נאָך אין איר ווערן. כאָטש
עס איז שוין דאָ אַן עפּאָכע פון 50 יאָר לידער. דער גאַנ־
צער דור מיינט דאָ אַזוי ווייניק, ווי גאָרניט מיט ניט. און
דער יונגער זיידע האָט נאָך קיין ציינדעלעך ניט.

10. פון אַלע זיינע חברים טראָגט זיך פרעמדקייט צו אים.
ניט־דאָאיקייט צום לעבן וואָס איז נאָך ניט, אָבער וואָס
ער פילט שוין אינטים, אין זיין ענג, אין זיין כמעט טראַ־
דיציע־שאַרפן פאַמיליענלעבנקרייז. פרעמדקייט איז גיפט
פאַר ליד וואָס וויל, וואָס איז פאַקט, וואָס מוז אָננעמען סאָ־
ציאַלע אַקציע.

11. די רעזיגנירטע איינזאַמקייט, מיט אַ בלאַסן שטיל־לעבן־
לאַנדשאַפט רוקט זיך אונטער, מיט איר טוכלעקייט, מיט
איר שאַבלאָן פון 50 יאָר, — כאָטש אַזוי מאָדערן, און יונג
ווי ער, און אַלע זיינע חברים, — רוקט זיך שוין צו ווי
אַן אַלטע, נאַסע, פאַרשטונקענע נבלה (צו נוצן בוכשטעבלעך
זייערע אייגענע ווערטער).

12. זאָגן אַזוי די חכמים פון פומבודותיא (מיט אַ 16 יאָרהונ־
דערט צוריק), אין אַ אידיש ווערטל: אָדער חברותא, אָדער
אַ מיתה.

13. אַ פּריש פֿאַרביק לעבעדיק אידיש־וואָרט, ווי עס הייסט דאָ אין שפּיל: אידיש ליד, מוז האָבן דעם סאָציאַלן אינטערעס פֿון און צום וואָרט, וואָס איז דאָך לעבן; מוז האָבן טעריטאָריע פֿון פֿאַרב און לאַנדשאַפֿט אין באַוועגלעכן לעבן, ניט קיין שטילע, אין אַ לאַנד און לייט־באַוועגונג.

14. ליד מיט ליד מוזן זיך צוזאַמענרעדן, ווירקן איינער מיטן צווייטן, אין לאַנד פֿון ליד.

15. ליד מוז האָבן לשון. ניט תרגום־לשון. ניט איבערזעצונג־לשון אַפֿילו פֿון גרויס־אַלמעכטיקן ענגלישן באַלאַד, צו וואָס זישא לאַנדוי האָט אַזוי אַרויפֿגעקוקט; ניט אַפֿילו פֿון גרויס־אַלמעכטיקן וועלטלעכקייט־ליד, צו וואָס אַלע חברים זיינע קוקן אַרויף; ס׳מוז האָבן אייגענעם לשון, אייגענע פֿאַרב, און טאָן.

16. זינגט יעדער איינציקער דאָ זיין ליד, איינציק, ציטעריק, בן־יחיד׳יש, און ביי דעם אַנדערן איז דאָס חוזק.

17. רעדט יעדער איינציקער דאָך זיינעם אַ נייעם לשון, און ס׳איז גאָר אַן אַלטער שפּאָס. און ס׳איז גלאַט געלעכטער. ס׳איז געבעבעט, ביי דעם צווייטן, אויך דעם איינציקן.

18. דינסטער טאָן ווערט אַזוי גאָר אויפֿגעכאַפּט אין אַ כיי־כיי־כיקעריי. אינטימסטע פּערזענלעכע מעלאָדיע ווערט גראָבער וויץ, און אַ ניט פֿאַרשטיי.

19. און דאָס איז ניט נאָר די מיינונג פֿון דעם מאַרק; און קריטיקער, וואָס האָט די מאָס פֿון מאַרק־סטאַנדאַרד; און דאָס איז ניט נאָר די מיינונג פֿון פּרעמדן אין גאַס, באַקאַנט נאָר מיט גאַסן־שפּראַך. דאָס איז דאָך די מיינונג אויך פֿון די אַזוי נאָענטע זיינע, אַזוי צוזאַמענגעלעבטע לידערברידער.

20. און אַ וואָס׳ער לעבן! שטיל־לעבן!

21. ניין. די מעלאָדיע וואָס ווימלט פון פאַרב אַרויס, דער טאָן פון נייעם לעבן אַרויס — וויל, און פאַרלאַנגט ליד.

22. שטיל־לעבן פון איין זייט זוכט און האָרכט אַ צווייטע זייט. וואו איז זי, די אַנדערע זייט, יענע, אין ניט־דאָאיקן הינ־טערגרונט?

23. איז דאָס אַזאַ קולטור, וואָס האָט איין זייט נאָר?

24. דאַרף זי טאַקע זיין שטום, זיין טויב, און בלינד, ניט צו זען, אַז ס׳פעלט איר דאָ אַ האַלבע וועלטלעכקייט אין איר וועלט, אַ האַלב ליד אין דעם וואָס ער רופט ליד?

25. די קאָמעדיע „עס איז גאָרניט ניט געשען״, מיט איר „שיפּע זיבעלע״ (פון טייל דריי) גייט אַריבער פון דער פּראָזע פון ליד, צום פאַקט פון שטיק לעבן, וואָס דאָ איז עס שפּיל.

26. פאַרשטייט זיך, אויב פאַקטן לעבן זיך אויס אין שפּיל מיט שיפּע זיבעלע (און ער און זיינע חברים, זיי האָבן, אויף זייער געוויסן, זיך גאַנץ היפּש אויסגעלעבט אין דעם), — איז גאָרניט־מיט־גאָרניט דער לאָגישער באַלאַנס — אין טאָטאַל.

27. איז גאָרניט ניט געשען. איז אַלץ רואיק אין „שיפּע זיבעלע״.

28. דאָס איז די פּראָזע. אָבער די שפּיל איז אַזוי איינגעטיילט, אין „שיפּע זיבעלע״, אַז די ערשטע און בעסטע, ווייל די מער אָנגעזעענע טייל איז דאָך ניט די פּראָזע.

29. זישא לאַנדוי שטרייכט יעדער ווייל און אַלעמאָל אונטער, אַז ווי די פאַקטן זאָלן ניט שרייען פּראָזע, איז ליד גאַנץ היפּש פאַרטראָטן, אַזוי, אַז די צווייטע זייט מיינט גאַנץ אַנדערש.

30. די צווייטע זייט פון שפּיל, „שיפּע זיבעלע" זאָגט אָן דעם ליגן, דעם שמינקע־גרים, די קאָמעדיע־זייט פון פּאַקט.

31. שיפּע זיבעלע:

— געוואַלט! דער טאַטע חלש'ט!

ער זאָגט אָן דעם פינאַל פון אַקט. —

32. דער פינאַל פון אַקט, כאָטש געפּאַרבט אין פּאַקטן פון אַרו־מיקן לעבן, כאָטש געריגגלט מיט טראַדיציע פון אַלע גאַסן אידישיסטיק פון קולטור אַל־קאַלירק — איז דאָך ניט קיין פינאַל פון אַ טראַגעדיע פון גאַרניט.

33. ס'איז ניט קיין פינאַל, ווייל ניט קיין פּאַקט.

34. ווייל געבויט דאָסיק און אַ געקלעפּ פון פּסוק. געזאָגט, און גאַרניט געמיינט. פּראָזע.

35. פּראָזע אָן ליד. ליד איז ערשט נאָך אין ווערן.

36. פּראָזע אָן מעלאָדיק. אָן פליש. אָן בלוט. ער טוט אויס נאַקעט יעדעס וואָרט. ער קנייפּט עס, דאָס נאַקעטע וואָרט, צו פאַרנעמען זיין קלאַנג. — ס'איז ניטאָ; צי ס'איז דאָ פאַרב, — און ניטאָ.

37. און דאָס איז ניט קיין ציניש‌ע האַנדלונג. מענטשן אין פּובליקום זענען טאַקע געוואוינט צו נעמען די ווערטער — פאַר ווערטער. זישא לאַנדוי פרעגט־אָפּ: זענען דאָס ווער־טער?

38. יאָ. גאָס באַציט זיך גאַנץ ערנסט צו דעם סאָרט קולטור. גרויסער פּרץ, — טראַדיציע! אָבער זישא לאַנדוי איז גאָרניט זיכער: איז דאָס קולטור? איז דער וואַרשעווער שרייבער פּרץ טאַקע אַזוי גרויס? איז טאַקע די טראַדי־ציע — טראַדיציע?

39. ער קוקט זיך צו צום פּאַרב, — איז דאָס שמינקע. אין דער דאַזיקער קולטור איז פֿאַראַן מער מאַרק־שווינדל ווי טראַדיציע; מער קולות ווי ווערטער.

40. און די קאָמעדיע דערפֿון איז, וואָס דאָס איז גאָרניט קיין טראַגעדיע. די שפּיל איז דאָ נאָך האַפּטיקער, ווייל דער פֿאַרלאַנג, די לעבעדיקע נויט צום פּאַרביקן אידיש־ליד רופֿט נאָך העכער, ווייל ס'איז נויטיקער, אין דער מדבר־טריקעניש.

41. זיין שפּיל וויל ליד. אים ווערט געשריי פֿון די אַלע קאָמע־דיאַנטן אויף קיין איין מינוט ניט פֿאַרכאַפּן, אויסצושפּילן דאָ אין שפּיל אַריין, — ער איז אַליין פֿון דעם פֿאַך. אַליין אַ טייל, אַ זינגער, פֿון טישל „שיפּע זיבעלע".

42. דער פֿינאַל — איז גאָרניט.

43. אין יענער זעלביקער צייט איז טשיקאַווע דער זעלביקער —
„הונגעריק בין איך נאָך לידער"
פֿון אַ צווייטן חבר זיינעם, וואָס הייסט מאַני לייב. —

44. איז עס דאָרט אין געוועזענעם יענעם „קולטורעלן" ריין־פּערזענלעכן מינאָר פֿון אייביקן קאָנצערט־טאָן, וואָס רעגט מאַנאָטאָן —
פֿרעגט די וועלט אָן אַלטע קשיא —

45. זישא לאַנדוי גיט אָט דעם טאָן אַ סאָציאַלן באַדייט. גיט אים אָן אָדער, נעמט אים אַריין אין פּערסאָנאַל פֿון שפּיל אין פֿאַקט־אַקציע.

46. דאָס זעלביקע וואָרט, וואָס איז פּסוק־אַלט, קומט דאָ אַריין פּאַסיק אין דער קאָמעדיע־ליניע, אַפֿילו מיט יענעם נייעם רווש פֿון אומפֿאַרשעמטן ציניזם, אַפֿילו מיטן „שיפּע זי־בעלע".

47. דאָס איז שוין געווען איין טריט צום פֿאַרשטיי. אַריינצו־
בייסן זיך אין דעם, וואָס דאַרף דאָך זיין פֿלייש און בלוט,
וואָס דאַרף דאָך זיין פֿאַקט, וואָס דאַרף זיין ליד.

48. די זיסקייט זויערט זיך דאָ, אין צייטיקן. נעמט אָן אַ
סאַטיריק־פֿאָרמע. נעמט אָן בייסיקייט.

49. דער רויטער קאַרש־ליפּ שנירעווועט זיך אין פּולבאַגער
געביסן צו ווערן, אָדער צו בייסן.

50. און דער רעזיגנירטער אַטראָפּירטער אימפּאָטענט, וועט
דאָ זען ציניזם, אין זיין ניט־דערצויגענעם, אין זיין רויען,
אין זיין שמאָל־קליינעם שפּיגל־אויסבליק.

אין אָנפאַנג איז געווען דאָס וואָרט

אין אָנפאַנג איז געווען דאָס וואָרט,
און ס'איז דאָס וואָרט פאַרבליבן.
און אַלץ, וואָס איז געשען מיט מיר,
און אַלץ, וואָס איז געשען מיט דיר,
האָט לאַנג די צייט פאַרטריבן.
און בלויז אַ שוואַכער אָפּשיין איז
אין האַרץ ביי אונז פאַרבליבן.

ווי קלינגט עס ווייט, ווי קלינגט עס פרעמד,
אַז ביסט אַמאָל געוועזן מיינע.
באַטאַווים, דאָס איז דאָך ניט וואָר,
דאָס, איז דאָך בלויז נאָר אַ רעפריין
פון אַ פרעמד-לענדיש ליד, וואָס איך
האָבן ווען אַמאָל געהערט.

ווי אומגעלומפּערט איז די טאַט,
און סאַראַ שווערקייט ווייט פון איר.
זי בויגט דאָס האַרץ דיינס צו דער ערד.
און פילט מיט טרערן אָן דיין בליק.
אָ, לופטיק, ריין, איז ס'וואָרט אַליין,
דאָס וואָרט דער אייביקער רעפריין,
פון יענעם ליד, וואָס איך האָב און וואָס דו
געהערט אַמאָל, ניט דאָ, נאָר אַנדערש וואו
און לאַנג, שוין לאַנג צוריק.

(זייט 207 אין זישא לאַנדוים לידער)

קאַפּיטל יד

זיין אַקטיווער סאָציאַלער פאַמיליענלעבן גייט נאָך די פאַמיליענטראַדיציע אין אומבאַוואוסטזיין. ווי ער ווערט ניט ער און דאָך יאָ ער. שרה בת טובים און בעל שם און זיין זיידע און באָבע. די פאַרקערטע זייט פון זיין קאָמעדיע־ליד.

1. אמת איז, אַז זישא לאַנדוי, וואָס אין זיינע לידער, אין זיין גאַנצן באַנעם ביזן קאַפּיטל פון דעם שפּיל, איז אין גאַנצן געווען אין דער ליניע, וואָס רופט זיך אפשר וועלטלעך־„קולטור", — ער האָט דאָ אין דעם שפּיל זיינעם אַ סך געזינדיקט אַנטקעגן דער אַנגענומענער ליניע.

2. דאָ, אין דעם שפּיל, דאָמינירט מער אידיש־פּרימיטיווער פאָלקס־טאָן, וואָס רייסט אַלע גרענעצן, און ברעכט מיט אוראַלטער טראַדיציע אַלע געצייכנטע ליניעס.

3. דאָס איז געווען אַ רעגונג ניט נאָר זיין פּערזענלעכע. אַ גאַנצער קרייז האָט גענומען, אין זיין שפּיל, דעם טאָן.

4. און דאָ איז געווען דער לאַנדוי־סטריקאָווער טאָן. יענער פרום ־ אידישער, ווייט ־ ניט־דאַאיקער פרעמדער לאַנדוי־משפחה־טאָן, וואָס האָט אין אים אויף אַ ווייל זיך אָפּגע־שטעלט, ווי אָפּגעהאַקט געוואָרן, — און איצט וויטער גע־נומען פירן דעם לאַנדוי־טאָן.

5. בעל שם און שרה בת טובים־לייט, וואָס זענען דורך אַ צופאַל צוגעפאַלן צו אים (ווי זיין חבר ר. אייזלאַנד דער־ציילט אין „טאָג", איז ער (אייזלאַנד) עס שולדיק אין דעם

אומשולדיקן צופאַל), די האָבן אים פּראָסט אויסגעכאַפּט און געמאַכט אין דעם פאַל אַ קערטל מיט אים.

6. און ער האָט געוואונען. —

7. ווייל זיי האָבן געוואונען, ווייל ער מיט זיי האָבן זיך אַזוי ערגעץ דאָ צוזאַמענגעטראָפן.

8. ווייל ער האָט אַרומגעזוכט זיין ליד אומעטום, און אין זיין יעדן אַקט, אין זיין סאָציאַליזירן זיך מיט זיין ליד, און ערשט ביי זיי, אין זייער ריטם־פאַרב, דאָס אָנגעהויבן צו זען.

9. דער צוריקגיי אַהין, צו יענעם פּרימיטיוו, וואו ער האָט אין זיין גאַנצן לעבן ניט קיין איין מאָל באַוואוסטזיניק באַ־לאַנגט, איז אייגנטלעך געווען ווי אַ פייג אַרויסגעשטעלט, צו זיין גאַנצן קרייז „קולטור"־לייט.

10. דער דייטשער נאָמען קולטור, וואָס איז מער ווי אַלץ אַ מערקאַנטילער באַגריף, פון אָנקניפּן אַ שאַלעכץ־באַקאַנט־שאַפט פון מענטשלעכן שטייגער־לעבן, איז אין גרונט גאָר־ניט פּאַסיק, אפשר, פאַר אַזאַ באַגריף בנוגע אידיש קול־טור. —

11. ווייל די שאַלעכץ־באַקאַנטשאַפט, איז צו דער אויסער־אידישער נאָך ניט אָנווענדיק.

12. קען ניט זיין קיין נאָענט מערקאַנטילער קולטור־צוגיי, איידער ביידע זייטן קענען זיך, כאָטש נאָר געאָגראַפיש, כאָטש נאָר עטנאָגראַפיש, כאָטש נאָר גראַפיש.

13. אין זישא לאַנדויס פאַל, האָט ער אַרויסגעקוקט, און זיך באַקאַנט ווי ווייט מעגלעך מיט יענער דרויסן־קולטור. אָבער ער האָט נאָך ניט אַריינגעקוקט. —

14. זיין אייגענער קוואַל פּרימיטיוו איז אים געבליבן ווילד.

15. איז דאָ פאַראַן אַ שלעכטע, ווייל נאָר האַלבע זייט קולטור. איז איין האַלבע אַ פּאַרטיקע, און איין האַלבע אַ רויע.

16. האָט זישא לאַנדוי נאָר אַריינגעקוקט דורך אַ צופאַל און —

17. די קאָמעדיע אין פיר טיילן ווייזט דעם רעזולטאַט.

18. האָט קיין רייד ניט געקענט זיין פון קולטיווירן דעם פּאָדעם פון יענער ליניע פאַרב, וואָס זינגט אַזוי אין זיין בלוט־רויט יעדן אידיש וואָרט, וואָס וויל אידיש אין וואָרט, און וויל וואָרט אין אידיש, — מיט יענער ליניע געזאַנג, וואָס איז ליד־ליד־ליד.

19. זשום־זשום־זשומעריי־ליד אין זיין גאַנצן שפּיל, וואָס איז זיין לעבן, וואָס איז לעבן אומעטום.

20. ער זעט דאָך, ער וואָס איז אין גאַנצן זע־קראַפט, און זעט אַזוי יעדן דינעם פּאָדעם פון פאַרב־אָריענטאַציע אין וואָרט אין ליד, — ער זעט דאָך, ווי יענער אידישער פּאָדעם גייט אַוועק דאָרטן־רעכטס־צו, גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג ווי דער וועלטלעכער פּאָדעם זיינער קולטיווירט זיך — פאַר־קערט, לינקס־צו.

21. ער הערט דאָך, ווי אַ דיסאָנאַנס איז דאָ אַזוי אין דיסהאַר־מאָניע, אַז קולטור איז דאָ קאָמעדיע.

22. צו וואָס זאָל ער לייקענען, זישא לאַנדוי? די קאָמעדיע איז דאָך זיין אמת.

23. דער דיסאָנאַנס איז דאָך זיין אייגענער ריטם. עפּעס שפּילט זיך דאָ. זיין אייגן ליד שפּילט זיך דאָ.

24. זיין רויטער קאָרש, אַנטקעגן זייער סם־זויערקייט. אַ קול־טור וואָס פאַרקרימט אַזאַ אינטים, אַזאַ פּערזענלעך זיס געזאַנג.

25. דער ברייטער געאָגראַפֿישער באַנעם זיינער, ווי אַזוי ער ווערט נאַציאָנאַל ווייט מיט דער סאָציאַלער לאַגע זיינער, ווי אַזוי ער כאַפּט אויף דעם פֿאָדעם פֿון זיין ליד, איז פֿאַר אים אַ ניי ליכט.

26. דער דיסאָנאַנס ווערט דאָ דער פּערזענלעכער ז. לאַנדוי. אַזוי פּערזאָניפֿיצירט אין זיין ביז־איצטיקן זישא לאַנדוי־גאַנג.

27. אָט דעם מערקווירדיקן דערגרייך זיינעם, וואָס ער האָט געזען ווי אַ גרויס געווינס, האָט ער גלייך צוגעטראָגן זיין קרייז און אַלעמען, וואָס האָבן ביז איצט געקענט אַן אַנדער זישא לאַנדוי, און פֿאַרט ניט געקענט, ווייל ער איז נאָך ניט געווען, און ער האָט אָנגעזאָגט: —

28. אָט האָט איר דאָס פּערזענלעכע ליד זישא לאַנדויס!

29. אָבער ער האָט געמאַכט אַ טעות, זישא לאַנדוי.

30. יענע אַקציע אין שפּיל, וואָס פֿירט אַזוי אינטים דין שאַרף צו יענעם פּרימיטיוו־שלאָגערישן פֿאַרבנאָקאָרד פֿון זיין ליד, איז אַזוי ווייט פֿון דעם, וואָס זיי ווייסן פֿון אים, זיין קרייז און אַלע, אין דעם גאַנצן קולטור־פּובליקום, — אַז זיי אַלע קענען עס נאָר באַטראַכטן, ווי זיינס אַ ניט־ערנסטן שפּאַס; אַרויסטיילנדיק ליד, אפשר, גאָר באַזונדער.

31. עס קניפּט זיך ניט. אויף אַן ערנסט פּערזענלעך זישא לאַנדוי־ליד איז עס צו שפּילעוודיק־דיק, צו רויט־פֿלאַמיק־הייס, צו אַנדערש אין אַטמאָספֿער פֿאַר זיי.

32. דער פּערזענלעכער איבערברוך און איבערבייט זיינער, אין ליד, פֿאָרמעל און אַקטועל, איז געווען פֿאַר זיי אַלע צו נאָרמאַל־ריטמיש. דער געזאַנג פֿון זיין ליד האָט זיך פֿאַר זיי ווי גאָרניט געביטן, זיי זאָלן דאָ זען אַ נאַציאָנאַלע פּי־

גור, וואָס דאַרף מער ווי דאָס קליין־פּערזענלעך, פון אַלטן סטאַנדאַרד.

33. איז דאָך ביטערקייט אומעטום דאָ, ווי זיי ווייסן. נו, מסתמא איז דאָ זיין אַ ציניזם אַזאַ, אַ וויץ זיינער, וואָס איז אַזוי געוויינלעך ביי רעזיגנירטע און אויסגעשפּילטע.

34. אָט דער גאַנצער נייער טאָן זישא לאַנדויס אין שפּיל איז נאָך געווען ווייט־ווייט פון פּאָפּולער, נאָך די צוואַנציק יאָרן נאָכגיין דעם פּאָדעם פון ליד זיינעם, נאָך די דערנענ־טערונגען צום דינעם פינאַל פון שאַרפן קלאַנג, וואָס רופט אַזוי אָן אַקט, אַ סאָציאַלן פינטל.

35. „עס איז גאָרניט ניט געשען" איז אין גאַנצן געבליבן יע־נער „איינציקער" פאַר די אַלע בן־יחידים׳לעך, וואָס האָבן זיך איינציק און איינזאַם געטוליעט צום עמיץ, וואָס איז קיין שאָטן אַפילו נאָך ניט; צום עמיץ, וואָס איז אפשר נאָך גאָרניט באַרעכטיקט צו זיין עמיץ.

36. דער סאָציאַלער אַקט האָט נאָך קיין נאָמען ניט, אַ חוץ שפּאַס.

37. ניט צייטיק נאָך געוואָרן דער ערנסט, וואָס זאָל זיך נוי־טיקן אין סאָציאַלן ווענד, אין פאַרביקער פאָרם, אין קאָ־לאָריט־בלוט.

38. שפּילן זיך נאָך. דעקלאַמאַציע, דעקלאַמאַציע, ווערטער, און אָדעקאָלאָן פליסט אין די אָדערן, ניט בלוט. (אין ז. לאַנדויס לשון).

39. און אין זייער, און אַזוי אין זיין קולטור־אַטמאָספערע, איז דער שפּיל פון אָדעקעלאָן־אַקציע אַ פּונקט, ביי וואָס זיך אָפּצושטעלן.

40. אין שפּיל, אין 4טן טייל, זאָגט דער דירעקטאָר:

דירעקטאָר:

— קאָמישע פאַרשוינען. שלאָפן אַלע אין איין בעט.

41. נאָך די אַלע פיר טיילן שפּיל איז ער נאָך אַלץ דער זעל־ביקער זישא לאַנדוי, אַזוי נאָענט צו זיי — און אַזוי ווייט, ביז ניט פאַרשטענדלעך. איז ער נאָך אַלץ מיט זיי אין איין בעט און —

האָט זיך די טעפּ, האָט זיך די פאַנען,
נאָר האָט ניט לוסט צו פרעמדע מאַנען.

42. זישא לאַנדויס זשעסט איז אין גאַנצן לאַנדוי'ש, ווען זיי קענען, אַפילו מיטן שאַרפן וויין־אַראָמאַט, וואָס פאַרקרומט זיין צונויפגעשנורעוועטן קאַרש־רויטן אָפן מויל.

43. אפשר נאָך ניט צו־שאַרף, ס'זאָל זיי פאַר'שיכור'ן. — דאָ וועט ער זיין שולדיק. די נאָרמאַלע ליניע פון זיין ליד האָט ניט געהאַט דעם נאָרמאַלן פאָדעם פון זיין גאַנג.

44. אפשר נאָך ניט די צייט פאַר זיי. — דאָ וועלן זיי זיין שול־דיק. זיי קענען ניט נאָכקומען זיין פאָדעם.

45. אָבער מערער וואַרשיינלעך, אַז אַלץ מיט אַנאַנד איז דאָ. עס וועט זיך פאָדערן פּערספּעקטיוו, פאַר אים ווי פאַר זיי, ווי פאַר אַלעמען.

46. די פּערזענלעכע ליניע זישא לאַנדוי איז זייערע און אויך זיין קאָמעדיע: עס איז גאָרניט ניט געשען. ווי ער וויל, אין שפּיל, אין ליד. און ווי זיי ווילן, אין פּראָזע, אין אַקט.

47. זייער ווילן איז אַ פאַקט. — עס איז גאָרניט ניט געשען.

48. און זישא לאַנדוי איז זייערער. כאָטש ער איז זייער חוזק'ס אייניקל.

49. כאָטש ער איז אויסגעלאַכט. און כאָטש זיי זענען אויס־געלאַכט.

50. און ער האָט זיי אַזוי געוואוסט, — און ביז ניט געוואוסט.

דער סטריקאָווער

(ר׳ וואָלף לאַנדוי)

אין מיטן פון צימער וואָלף סטריקאָווער שטייט
און זאַפּט איין די לופט מיט זיין וואַכיקער נאָז,
אַ צוק איז פאַרגליווערט אין פנים ביי אים —
אַזוי בלייבט צעשראָקן אין פעלד ווען אַ האָז.
אַ שמייכל אַ שווערער זיין פנים צעקרימט,
דעם קין דריקט צוזאַמען די ביינִיקע האַנט,
פון צווישן די פינגער די באָרד שפּיצט אַרויס,
און ס׳זעט אויס די האַנט ווי אַ האָריק געוואַנט.

און פּלוצים דער קאָפּ גיט אַ וויי אין דער לופט,
דער פוס הייבט אָן שאַרן דעם וואַקסענעם דיל,
און ס׳עפנט זיך אויף ווי אַ קנאָספּ זיין געזיכט,
ווי קלאָר וואָלט געוואָרן אים אַלץ, וואָס ער וויל.
„אָ, גנאָד, אָ, מיין מוטער! ווי גוט איז ביי דיר!
אָ, חכמה! ווי ביסטו דעם האַרץ מיינעם זיס!
דאָך זיסער פון גנאָד און פון חכמה איז מאַכט,
איז כוח אַ שאַר צו טאָן אַלץ מיט די פיס!"

(זייט 152 אין זישא לאַנדויס לידער)

קאַפּיטל טו

דער שאַרפער ליניען־פּאָרטרעט, וואָס פאַרגאַנצט אַלע פיר טיילן פון דער קאָמעדיע. די ניט־דאָאיקייט זיינע און ווי זי רעאַגירט אין לייכטן לירישן אָנרעג צום סאָציאַלן אַקט, און שפּיל. אָנזאָג פון זישא לאַנדויס נייליד.

1. ווייל דער פונדאַמענט, דער גאַנצער בוי, און די גאַנצע קאָמעדיע אין אַלע פיר טיילן, איז זישא לאַנדויס ניט־דאָאיקער זייגער און זייערער צוזאַמען, — דערפאַר קענען מיר דאָס גאַנצע ווערק מעסטן מיט דער איינער מאָס.

2. די פּערזאָן זישא לאַנדוי קומט אין דעם שפּיל אַרויס גאַנץ, און פּונקט אַזוי די זייטיקע כאַראַקטערן, דער גאַנצער באָדן, און די אַטמאָספער צוזאַמען.

3. און צוקוקנדיק צו דעם גאַנצן צוזאַמען אין שפּיל, מוזן מיר אויך וועלכן ס'איז שטייגער רעאַגירן.

4. דאָס זאָל הייסן, די שפּיל האָט אירס געטאָן.

5. מאַכט גאָרניט אויס, וואָס דאָס רעאַגירן איז נאָך ניטאָ. אַלע האָבן נאָך גאָרניט געזען. זיין אייגענער קרייז און אַלע אויסערן קרייז. מיר קענען נאָך ווייטער גיין: אַפילו אפשר ער אַליין אויך ניט.

6. מאַכט גאָרניט אויס, וואָס דער וויין צעשפּילט זיך ערשט, איז נאָך ניט אָפּגעשטעלט, צום טרונק.

7. שולדיק זענען, אפשר, ווי מיר האָבן שוין פּרובירט אָנווייזן, גאָר אַ סך פאַקטן, וואָס זענען גאַנץ נויטיק דאָ געשטאַנען נאָרמאַל אין וועג.

8. אָבער דער פּאַקט בלייבט שוין פּאַקט, און דער זישא לאַנדוי ווי ער אַליין האָט אים געוואָלט אַרויסשטעלן, איז שוין דאָ.

9. און איז ער דאָ, וועט ער שוין אַזוי זיין. וועט ער שוין מוזן ווירקן. מעגן אַלע שטערונגען גאַנץ נאַטירלעך זיך זיין אַנטקעגן.

10. און גראָד אַזוי ווירקן, ווי ער וויל.

11. ניט־דאָאיק צו יאָ־דאָאיק, — ס׳איז דאָ. צי די צייט איז צייטיק איצט, צי נאָך ניט.

12. אָט הערן מיר שוין אין שפּיל דעם זשום פון דער בין, וואָס זינגט דעם אָנקום פון דער צייטיקער רויז.

13. דער טאָן איז שוין דאָ.

14. מיר שטייען פּאַרבליפט, אויפכאַפּנדיק אַזוינס, וואָס מיר זעען נאָך ניט. אָבער ס׳איז דאָך; ס׳איז פאַראַן, נאָך איי־דער מיר זעען עס. ס׳איז דאָך אייביק. אייביק איז ניט ליגן.

15. שוין אָנגעוויזן געוואָרן פריער, ווי אַ סך זענען אַריין אין דעם פּרדס. אַ סך האָבן געשפּילט אין „שיפּע זיבעלע״. אָבער זעלטן גייט עמיצער אַרויס געווינער.

16. די אויסגעשפּילטע, אָדער זיי שטעלן זיך אָפּ ווי אין אַ קאָמאַ. שטיל־לעבן. אָדער אין רעזיגנאַציע מעלדן זיי אָן די טראַגעדיע פון גאָרניט.

17. צו געווינען, מיינט ווייטער אָנגיין.

18. אונזער קאָמעדיע פון גאָרניט, די צווייטע זייט און פאַרגאַנג־צונג פון זייער טראַגעדיע, ווייזט אָן אין אַלע פיר טיילן, אַז דער פינאַל איז אָנזאָג ניט פון אָפּגעשפּילט.

19. דאָס ליד, דאָס געזאַנג, וואָס איז ביי זישא לאַנדוי, פֿערזאָ־ניפֿיצירט אַ קרייז, אַן עפּאָכע, און אַן אַקאָרד, וואָס איז שטענדיק. דער אמת פֿון אייביק.

20. אויסצולאָכן טראַגעדיע אַזוי נאַאיוו מיינט אייביק יוגנט, אייביק ניי, אייביק קינד, וואָס עפֿנט אַן אויג, און זעט אַ וועלט, אין אַפּשפּיגל אַנטקעגן אויגנבליק.

21. איז צוליב געוויסע נאָרמעס אוממעגלעך צו פֿאַרשטיין, הייסט עס שוין, אַריינצוקוקן אין דער וועלט־מיסטעריע, אין שפּיגל פֿון אַלע רעטעניש, וואָס איז די קאָמבינאַציע פֿון זיין איין און איינציק.

22. איז דאָס שוין אַליין אַ טיר אין אייביקן ניט־פֿאַרשטיי, וואָס איז פֿאַרב און קאָלאָריט פֿון אַקציע, אין אַלע זייטן אַרום אים, און אַרום אַלץ אין אַ גאַנץ.

23. איז דאָס שוין אַליין אַ פּויסט אַנטקעגן אייביק־רויען פּראָבלעם, וואָס מאַכט שטענדיק אַן אָנשטעל פֿון גרענעץ און סוף.

24. אָט די אומבאַגרענעצטקייט פֿון פּאָעט אין זיין אימפּעריע פֿון ליד, וואָס איז אַזוי נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל; אָט דער כוח זישא לאַנדוי אין ווייטערדיקן אַנגיי מיט זיין ליניע אין דעם אינקאָגניטאָ, וואָס איז אַזוי ערדיש סענ־סועל ווי ניט־דאַאיק, אַזוי אַמעריקאַניש, ווי אומעטומיש, אַזוי זיינס ווי אַלעמענס, — מאַכט עס דעם ברייטן פֿאַרנעם אין זיין „עס איז גאָרניט ניט געשען" —

25. און גיט אונז אַ געלעגנהייט צו באַטראַכטן פֿאַרב אַנטקעגן פֿאַרבן אין זייער גאַנצער פּאָזיציע.

26. מיר הערן אַ קלאַנג, קאָלאָריט פֿון קלאַנג, און מיר מעסטן דאָס, נאָך דער טעריטאָריע, וואָס עס פֿאַרנעמט.

27. מעג זיך עס זיין דין ווי אַ האָר. איר אָרט־פּאַרנעם איז פּאָזיטיוו.

28. די קורצע שורה פון אַ ליד און די לאַנגע שורה פון פּראָזע זענען ניט קיין גלייכן, זיך צו פאַרמעסטן איינער אַנטקעגן אַנדערן אין קוואַנטיטעט.

29. לייגט זיך עס אַוועק אַ פּינטעלע. אַט ווי אַ קליין ברע־קעלע פּאַלק שטעלט זיך אַוועק. און אידן זענען ניט דאָס איינציקע קליין פאָלק פּינטעלע, וואָס שטייט אַזוי לאַנג ווי אַן אייביק און וויל ניט אָפּטרעטן.

30. דאָס איז נאַטורגעזעץ. ניט פּינטעלע אַוועקגעשטעלט מיט יענעם טרומייטערן, וואָס זאָגט אַן אין אַ מלחמה־מעסיקן שאַלן זיין אַנקום, און מיט מאָרגן קומט אַ קליין ווינטל און פאַרבלאָזט דאָס ערגעץ פאַרב־לאָז, אַזוי אַן קיין סימן פון צייכן; —

31. דאָס איז פּינטעלע, וואָס קען שטערן ביז רעוואָלוציע, וואָס קען זיך אַוועקשטעלן שטענדיק אַ וועלט־פּראָבלעם אָן קיין מלחמה־דערקלערונג. —

32. כאָטש מ׳לאַכט אויס פּראָבלעמען, יענע אַלע גאַסן־פּראָב־לעמען, גאַנגבאַרע אַרטיקלען, וואָס פאַרקויפן זיך צוויי פאַר אַ האַלבן טאַלער.

33. דאָס איז יענער פּינטל, וואָס ווערט געזוכט, ווען ניט באַ־מערקט. ווייל מ׳דאַרף דאָס אומעטום באַמערקן. ווייל דאָס איז פול די וועלט.

34. עס פעלט אַ פּינטעלע! — איז שוין גאָרניט קיין קלייניקייט. זאָלן אַלע לייט אין מאַרק חוזק מאַכן פון דעם ווען פון קליין פּינטעלע.

35. די מאַרק־לייט האָבן זייער אָנפירער, זייער הויפּטלינג. קרוינען אים מיט שופרות „קריטיקער״. — דער העלד שפּילט אויך אַ ראָל אין שפּיל.

36. איז געגנוג קרום שמייכעלע אויפן אויפגעשנורעוועט גלוס־טיק־רויטן זישא לאַנדוי־ליפּ, ווי ער שפּיגלט דאָ אָפּ דעם דאָזיקן כאַראַקטער.

37. קאָמעדיע־מעסיק איז דאָ שאַרף פּערזאָניפיצירט יענער פּאַקט קריטיקער.

38. אַפילו די פּיקאַנטע בולט׳ע סטיל־ווערטלעך זיינע, דעם קרי־טיקערס, שטעלט ער דאָ אַרויס אין שפּיל.

39. דאָס איז דער זעלביקער קריטיקער, וואָס ווערט שוין דערמאָנט אין פאָרוואָרט פון „אַנטאָלאָגיע״ אַפריער, גע־שטעלט אין יענער פּערזאָניפיקאַציע.

40. זישא לאַנדוי אין שפּיל ווייסט (ווי ער האָט דאָס שוין גע־וואוסט אין „אַנטאָלאָגיע״; און ווי אַלע האָבן געוואוסט אין קרייז, און אויסערן קרייז), — אַז דאָס פּינטעלע זישא לאַנדוי, שטערט מער די פּיקציע אין פּאַקט, וואָס הייסט קריטיקער, ווי אין רעווערז.

41. איז עס ביי אים אַ קאָמעדיע־געזאַנג.

42. איז עס ביי אים אַ שפּיל. — ס׳דאַרף זיין אַזוי. ס׳ווירקט.

43. דער פליישיקער קריטיקער, וואָס ווערט צו־פּעט אין זיין אַרבעט. דאָס פּעטס ליידט, וואָס מ׳שטערט איר.

44. פּאַטענצן שלאָגן. שמייסן מיט בייטשן אויף אַלע זייטן. יצר־הרע מיט מיליאָנען פּינטעלעך שטעלט אַלעמאָל אָפּ דעם פּראָבלעם־גאַנג זיינעם.

45. דער פּראָבלעם־גאַנג בלאָזט זיך. פּינטעלע רירט זיך ניט פון אָרט.

46. אַזאַ העזה, אַזאַ חוצפּה!

47. דער פּראָבלעם קריטיק מוז דאָ אַוועקשטעלן זיינע פּאָ־טענצן, כדי ניט אויסגעלאַכט צו ווערן, כדי ניט צו זיין חוזק.

48. קריטיק איז אַ פאַקט אין זיין שפּיל, וואָס הייסט ליד. אין דער פיקציע, וואָס שטעלט צוזאַמען דעם גאַנצן אָר־קעסטער פון „עס איז גאָרניט ניט געשען".

49. קריטיק ווי זי איז, ווי זי וויל זיין, ווי זי דאַרף זיין.

50. די גאַנצע קריטיק פון דעם גאַנצן לעבן אַרום אין ליד. און אַפילו פון יענעם ווינקל, וואָס איז נאָך ניטאָ.

*

איך וויל גאָרניט, און אויב כ׳וויל וואָס, איז עס גאָרניט פיל —

קיינער זאָל אין טיר ניט קלאַפּן, זיין זאָל שטענדיק שטיל.

און ניט פייפן אין דעם קוימען זאָל אַ ווינט ביינאַכט,

כאָטש מיין ליד אַזאַ מין פייפן שענער וואָלט געמאַכט.

יאָ, צו לידער מוז אין קוימען פייפן בייז דער ווינט,

די געליבטע מוז נאַאיוו זיין, ווי אַ קליינטשיק קינד,

אָבער מיר צו וואָס? איך וויל נאָר, זיין זאָל רואיק, שטיל.

איך וויל גאָרניט, און אויב כ׳וויל וואָס — זעט איר דאָך, וויפיל.

(זייט 44 אין זישא לאַנדויס לידער)

קאַפּיטל טז

די נויטיקע סאַטירישע אַקציע פֿון שפּיל. די היימיש־קייט פֿון זישא לאַנדוי מיטן גאַנצן אַנסאַמבל אין „עס איז גאָרניט געשען". ניט־דאַאיקייט אין אַ צייטיקן זיך איידער עס צייטיקט דאַאיקייט. אַפּאָלאָגיע צום אי־דישן טאָן, וואָס ווערט געמאָסטן אין ניט־אידישן טאָן.

1. אין דעם לאַנד, וואו „עס איז גאָרניט ניט געשען", איז די פּאָזיציע פֿון קריטיקער מיט קיין זאַך ניט אַנדערש ווי אַלע לייט אין קרייז און אויסערן קרייז. מיט קיין זאַך ניט אַנדערש ווי אַפֿילו ער אַליין, זישא לאַנדוי. —

2. אויך פֿרעמד צום ראַנד פֿון קרייז, ווי אַלע. פֿרעמד צום לאַנד, ווי אַלע. פֿרעמד צום לעבן, ווי אַלע.

3. ער אויך, ווי זיי אַלע, איז פֿון ערגעץ „עפּעס" אָן „עמיץ", וואָס שלייכט זיך אַרום.

4. פֿאַר אים, פּונקט ווי פֿאַר זיי אַלעמען, איז ניט נויטיק דאָס ניי־ליד, דאָס ניי־לעבן, ניי־יוגנט און ניי־פֿרימאָרגן.

5. אין זיין קאָמישקייט אַרויסצוקומען אין זיין גאַנצער פֿרעמד־קייט אין אַ געוויסער פּאָזיציע, קומט ער דאָ אַרויס אין אָפּאָזיציע.

6. יעדער דראַנג צו עפּעס נייעס איז דערפֿאַר אַ פּאַטש צו זיין עקזיסטענץ־פֿערזענלעכקייט, אַ וויץ אויף זיין רעכע־נונג. מ'רעכנט זיך גאָרניט מיט זיין עמיץ.

7. אַט די קאָמישע פּאָזיציע אין אָפּאָזיציע מאַכט דאָ דעם קריטיקערס כאַראַקטער־אַקטיוו אין שפּיל גאָר באַגרענעצט.

8. זעט אויס צופיל ליאַלקע אין פּערזאָנאַל פון קרייז.

9. צופיל יענעמס מענטש ווי מענטש. צופיל פון פּסוק.

10. זישא לאַנדוי באַנוצט זיך מיט אים פּאַקטיש נאָר אין ערשטן טייל. אין די אַנדערע טיילן איז ער אַלס כאַראַקטער אין גאַנצן אויסגעשלאָסן. כאָטש אין אַ פאַרשטעלטער פאָרמע, שפּילט ער אַ ביליקע ראָליע אין לעצטן טייל. און אין סובסטיטוט ווירקט ער יעדער ווײַלע אין מינדערוויכטיקע שאָטן־ראָליעס, לאָזנדיק אַנדערע נאָכזאָגן זיין וואָרט.

11. דער קריטישער עלעמענט, די קריטעריע אין וואָס אַ ליד מוז זיך יונג־פּרוילעך שפּיגלען ביי אים, ריטער פון ליד, איז, פאַרשטייט זיך, ניטאָ אין לאַנד וואו „ס'איז גאָרניט ניט געשען".

12. דער קריטיקער און דער גאַנצער קרייז, וואָס איז די שפּיל, רעאַגירן דאָ, פאַרשטייט זיך, ווי ליאַלקעס. אָט הויבט זיך איינער אויף, אָט אַ צווייטער. אָט פאַלט איינער אַרונטער, און אָט נאָך איינער.

13. דער אַקטיוו־לעבעדיקער עלעמענט פון עפּעס, איז ניטאָ. סאָציאַלער עלעמענט פון ליד און קריטיקער, פון ליד און קריטעריע, — איז נאָך דערווייל ניט געוואָרן.

14. דאָס איז, ווי מיר זען, די באַקאַנטע דאָן קיכאָט־פאָרמולע. יענער נוסח ספרד, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן עקסטרעם פון מזרח־אייראָפּעאישן איד אין דער מערבֿ־אייראָפּעאישער קולטור. צוויי קוני לעמעלס. צוויי עקסטרעמען פון ליכט אין אַ חוזק־פלאַקערן —

15. אַ באַקאַנטער מאָריס ראָזענפעלד־היינריך היינע־פאַרנעם.

16. אַנטקעגן אַ קריטעריע, וואָס זאָל קומען מיט די פּאָטענצן פון דער גאַנצער סאָציאַלער ענערגיע אַרום, וואָס שאַפט זיך אין יעדן ביי וואָרט, וואָס לעבט זיך אין ליד.

17. אַנטקעגן יענער קריטעריע, וואָס זאָל זיך פֿילן אַזוי היימיש אין יעדן אַסאַנאַנס; אין יעדן גראַם און נעבן־גראַם.

18. די קאָמעדיע „עס איז גאָרניט ניט געשען", אין אירע פֿיר טייל, האָט שטענדיק אין זינען, אַז דאָס, פּונקט ווי אַלצדינג, וואָס איז נאָך ניטאָ, איז שוין סיי ווי דאָ. ווייל ליד איז שוין דאָ. ליד וואָס הייסט זישא לאַנדוי, ליד וואָס הייסט איצט „עס איז גאָרניט ניט געשען", און קען שפּעטער הייסן אַלע נעמען, ווי איינער וועט וועלן, ווי איינער וועט גלייבן.

19. ס'וועט קומען. ניש'קשה. ס'קומט.

20. די אָנגענומענע קריטיק פֿון מאַרק, פֿון גאַס, פֿילט זיך גערעגנקט, געערגערט פֿון דעם. וואָס הייסט „ס'קומט"! איגנאָרירנדיק אַזוי איר ערגעץ זיין, איגנאָרירנדיק איר עמיץ, הייסט דאָך איר אַרויספּאַטשן אין שמאַך, אין שאַנד!

21. אָט דעם פּאָזיטיוו אין שפּיל אין אויבערהאַנט האָט גלייך אַוועקגעשטעלט די קריטיק אין אָפּאָזיציע פֿון דער שפּיל.

22. ניט נאָר די אָפּיציעלע קריטיק, נאָר אַלע מיינונגען וואָס גייען זיך אידעאיש צוזאַמען מיט איר.

23. און דאָס איז דער גאַנצער מאַרק. דער גאַנצער הו־האַ!

24. ווי אַזאַ רעאַגירן קען זיך אָפּרופֿן, איז לייכט צו פֿאַרשטיין.

25. „אָ, יענער איז דאָך אַ ליץ. יענער מיינט ניט ערנסט. יענער איז חוזק דורך און דורך!" —

26. און ווייטער גאָרניט. ניט צו שטערן די אילוזיע, אַז עפּעס איז דאָ, דאָ־דאָ!

27. דאָס שטילע ליד וואָס איז אייביק, וואָס איז קיינמאָל ניט העכער ווי די געווינלעכע איינפֿאַכע „ראָלניק"־שטים, —

דאָס אייביק אמת'ע פון לעבעדיקן וואָרט, אָבער, רעכנט זיך גאַנץ ווייניק מיט יענעם קאָקעט, וואָס דאַרף דעם שופר, אָנצוזאָגן זיין אויפטריט.

28. און די ריטמיק פון אייביק טאַנצט זיך ווייטער אַ ליד.

29. זייער אויסלאַכן און אויס'חוזק'ן אַט די ריטמיק־טאַנץ גיט־צו גאַנצקייט צום קאָמעדיע־דע־אַרט אַזאַרט.

30. דאָס איז די נויטיקייט פון אַנסאַמבל. אַ בת־קול ענטפערט דעם קול פאַר דער פוסטקייט פון וואַלד.

31. דער געזעץ פון וואַלד אַנטקעגן דעם געזעץ פון אייגנבערע־כער, און גלייך־אויף־גלייך.

32. דער נאָרמאַלער גאַנג פון פּאָעט דערלויבט זיך ניט זיינ־דיקן צופיל מיט דעם, וואָס געזעץ פון איין זייט, רופט לי־טעראַטור.

33. די פון עמיץ באַשטימטע געזעצן קענען זיך זיין גאַנץ גוט פאַר ליטעראַטור. ער האָט דאָ אָבער פאַר זיך צוויי סאָרטן געזעצן.

34. און קיין איינער פון זיי קען אים דאָ ניט עפּעס אונטערזאָגן וואוהין.

35. די גאַנצע ליטעראַטור און אַלץ מיט אַנאַנד איז דאָ אין גאָרניט נאָך געשען.

36. ליטעראַטור איז דאָ ניט דער פּנים. נאָר דער ווייטער שאָטן ערגעץ אַהינטערגרונד פון שפּיל.

37. ליטעראַטור איז דאָ ניט וויכטיק.

38. ניטאָ נאָך דער פאַרבונד, דער סאָציאַלער צוזאַמענזיי און צוזאַמענקוק פון יענעם פּסוק מיט דעם לעבן, וואָס איז נאָך אין ליד.

39. נאָך גאַנץ ווייט צו עפּעס. פּונקט ווי אַזוי ווייט צו גאָר־ניט.

40. נאָך אַפילו די פּלעגמע ניטאָ צום נייעם זשום־זשום אַרום.

41. די נייקייט פון ליד קוקט דאָ צו דעם גאַרניט, און לאַכט הילכיק איר וואָרט און געבאָט און געזעץ אַנטקעגן — איך וויל לידן! —

42. ניט רעכענענדיק זיך אויף אַ האָר, צי דער גאַרניט האָט עפּעס, צי ניט.

43. דער געזעץ פון איינברעכער. — זאָל ווערן! — ווען אַפילו דער גאַנצער וואַלד זאָל מוזן אַוועק ערגעץ.

44. אַנטקעגן אַזאַ היסטאָרישן גאַנג פון דער שפּיל מוז שוין גאָר אַנדערש געשטעלט ווערן די ליטעראַרישע מאָס: וואָס גרייכט זישא לאַנדוי מיט זיין לעצטן פּאַרנעם?

45. און אין אַלגעמיין, לאָמיר רעווידירן אַמאָל יענע ליטעראַרישע געזעצן אַנגענומען אין אַלע אַנדערע ליטעראַטורן, אַריינגעבראַכט אַהער און אויסגעשפּרייט דאָ, מיט אַלע רעכטן, וואָס קיינער האָט זיי דאָ ניט געגעבן, געביטנטיק אַלעמען אויסצופאָלגן זייער געזעץ, אָן אַ וועלכן אָפּפרעג.

46. ניטאָ נאָך אַזאַ געזעץ, אונזער ליטעראַטור זאָל אויספאָלגן אַט דעם פרעמדן געזעץ.

47. אונזער ליטעראַטור מאַג זיך האָבן אייגענע געזעצן, וואָס זענען מיט גאַרניט געבונדן צו ערגעץ.

48. מ'עט שוין געפינען יענעם סינטעז, צונויפברענגען דאָרטן וואו ס'לאָזט זיך צונויפברענגען, און צונויפבינדן.

49. יענער קריטעריע־געזעץ, וואָס וועט אַרויסקומען ניט פון פרעמדן ערגעץ, נאָר פון דעם שטאָם איינגעוואַקסן און אויסגעוואַקסן, וועט שוין אויסגעפינען דעם נאַטירלעכן גאַנג און וועג פון וואַלד־איין וואַלד־אויס.

50. ווייל קיינער קען דאָ קיינעמען און וויל דאָ קיינעמען ניט שטערן, אין ניי־לאַנד וואו „ס'איז גאַרניט ניט געשען".

ווי קאַלט און אומ־רחמנותדיק
איז די נאַטור!

ווי קאַלט און אומ׳רחמנות׳דיק איז די נאַטור!
זי איז פייערלעך, דאָך אָבער אָן נשמה.
אין הייסע טעג איז היים, און קאַלט איז אין די קאַלטע,
ס׳איז פינסטער ביי דער נאַכט, און ליכטיק איז בייטאָג.
און קומט אַ ווינט, באַוועגן זיך די בוימער,
און אָן אַ ווינט — ווי מתים שטייען זיי פאַרגליווערט.
בלויז דאָרט, וואו ס׳רירט דעם מענטשנס האַנט זיך צו,
ווערט לעבעדיק דער טויטער, קאַלטער גוף.
און איטלעך גרעזל פילט, אַז ניט פון הימל פון דעם
בלעכענעם,
נאָר פון אַ מענטשלעך גנעדיק אויג ווערט עס באַוואַכט,
און אָפּגעהיט.

ווי לייכט ווערט ס׳האַרץ, ווען דו גייסט דיר שפּאַצירן
דורך דורכגעאַקערטע, פאַרזייטע פעלדער,
און וואו דו ווענדסט דיין בליק, זעסטו אַ מענטשנס מי
און דאגות
און האָפענונגען.

(זייט 162 אין זישא לאַנדויס לידער)

קאַפּיטל יז

וװי אַזוי אידישער טאָן צװינגט אידישע פאָרם. דער ספּעציעלער אידישער פאַרב, און װער געװינט פון דעם. די טראַדיציע פון אידישן ליד, און איר אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער.

1. וואָס איז די טראַדיציע פון קלאַסישער פאָרם אידיש לעבן אין ליד?

2. דאָס איז איין קליינער קאַפּיטל אידיש לעבן אין אומענדלעך וועלט־גרויסן בוך, פון ניט מער ווי עטלעכע טויזנט יאָר שטייגער, אָנגעצייכנט אין ליד אין יענעם פאָרם, וואָס ווייזט שטענדיק די פאַרביקייט פון לעבעדיקן אידיש וואָרט, אין קאָנטראַסט צו די אַלע פרעמדע־נייע פאָרמען און פאַרבן, וואָס פאַרקריפּלען דעם אידישן וואָרט, צו מאַכן אים מיט לייטן גלייך.

3. דאָס איז יענער פאָרם, וואָס דאַרף זיך ניט פאַרמישן און אויפלייזן און בטל ווערן אין דעם קאָנצערט פון פאָרמעס, דערפאַר וואָס ער איז שטענדיק און אַלעמאָל אידיש, און שטערט די, וואָס ווילן דאָס ניט, און דאַרפן דאָס ניט.

4. דאָס איז פאָרם, וואָס דאַרף גאָרניט פאַרלירן פון אינטים־פערזענלעכן טאָן צו בלייבן טראַדיציע.

5. דאָס איז פאָרם, וואָס נעמט שטענדיק אויף, און נעמט־אָן נייעם פאַרב, בלייבנדיק דאָך אין גאַנצן אידיש. פאַרב בייט זי ניט. גיט איר נאָר צו באַנייטן־טאָג קאָליר.

6. ווי קען מען דאָס זען? —

דאָס אידיש לעבן אין דעם קליינעם קאַפּיטל איז אַ גאַנץ לעבעדיקער, כאָטש אַ קלייניקער פאַקט פאַר יעדן אויג, וואָס איז אָפן דאָס צו זען. אויגן שפּיגלען פאַקטן.

7. איז איין זאַך, דאָס נאָכצוקומען. און ס'איז גאָר אַן אַנדער זאַך אַהין אַריינצוקומען.

8. אויב אַמאָל איז גאַנץ שווער דאָס ערשטע, איז שטענדיק גאָר לייכט דאָס צווייטע.

9. זישא לאַנדוי האָט געזען דאָס ערשטע. ווייל ער איז ניט אַריינגעקומען, אין זיין יונגן אָנפאַנג פון באַוואוסטזיין. נאָר ער איז נאָכגעקומען, שפּעטער, אַן אויסגעוואַקסענער.

10. אָבער, האָט ער שוין ערגעץ אין זיין אַנטאָלאָגיע אָנגעמערקט, אַז דאָס שווערע איז אין נאַטירלעכן ליד גאַנץ לייכט. שווערקייט איז ליד מיט איין אויג.

11. דער נאַטירלעכער ריטם־גאַנג קומט אין ליד, סיי־ווי, צו דעם, צום אידישן פאָרם.

12. און וואָס מער נאָך קען מען פאַרלאַנגען פון ליד, ווי אַ נאַטירלעך לעבעדיקן וואָרט?

13. און דאָס איז דאָך אַזוי ווייניק געוואָלט פון אַ אידיש ליד.

14. איז אָבער מיט יעדן אידיש ליד דאָ פאַראַן יענע שטערבלעכע זאַך, וואָס הייסט איד. דאָס האָט אויך עפּעס צו זאָגן.

15. געבענטשט איז די שטערבלעכקייט מיט די טויזנט אויגן, פאַר דעם וואָס מוז צו שטערבלעכקייט גיין.

16. ווייל אַפילו דאָס גוטע אין אידיש ליד ווערט אויך אַמאָל צו־גוט. זעט שוין שטערבלעכקייט, אַז צו־גוט, פונקט

ווי צו־שלעכט, פונקט ווי שלעכט אין אַלגעמיין, זאָל וואָס גיכער אַהין קומען.

17. די פערזענלעכע מאָטיוון פירנדיק צום ליד, און אויספירנ־דיק פון ליד, זענען אַזוי אָפט יענע קערנער פון שטערב־לעכקייט.

18. די אידישע פאָרמע, וואָס לעבט פאַר אונזער אויג, איז גע־שיכטע, און האָט מיט דעם שטערבלעכן טייל גאָרניט וואָס צו טאָן.

19. די אידישע פאָרמע טיילט־אויס אין דער טראַדיציע יעדן טייל, וואָס באַלאַנגט צו איר. און טראַדיציע גייט זיך אויסגעפאָרעמט ווייטער איר געמאָסטענעם וועג־טריט.

20. ליד ־ ליד ־ ליד! הונדערטער הענט רייסן זיך צו דעם. לעבן וואָס איז אייביק איז דאָ אין דעם, איז דאָ אין ליד.

21. זישא לאַנדוי איז שטענדיק ווי אַ פאַרליבטער אינגל נאָכ־געלאָפן דעם ליד. דעם נייעם טאָג נאָכגעגאַנגען ניי. דעם יונגן טאָג נאָכגעגאַנגען יונג. זיין טאָג — זיין ליד!

22. נאָכגעגאַנגען און געזוכט, צי ס׳איז עפּעס נישטאָ פאַר אים.

23. נאָכגעגאַנגען און געוועקט זיך, צוזאַמען מיט זיין ליד:
— שטיי אויף, ס׳איז נאָך גאָרניט ניט. קום־נאָך!

24. איז דאָ פאַראַן ריטערלעכע ליבשאַפט, דאָן קיכאָטישע טריישאַפט, אומוויסנדיקער וויסן, אין דעם אינטואיטיוון נאָכגיין די טריט צו איז גאָרניט דאָ. —

25. און אין געפיל, און אין ריטם, צו אָנען, אַז ס׳איז יאָ דאָ. אַפילו ניט־דאַאיק דאָ.

26. אָט דאָס פאַרגעפיל, דער טאַטע פון פאַרביקן שטיק לעבן וואָס ווערט, אַרבעט מיט אים אויס זיין אינטימע שפּיל: עס איז גאָרניט ניט געשען. —

27. זיין פערזענלעך ליד, וואָס איז נאַציאָנאַל אין דעם פאַרב, און באַלעבט זיין גאַנצע ליד צו אַנדערע פאָרמען צו.

28. עס איז די פאַרב וואָס זאָגט אונז מער ווי די פאָרמע וואָס דערזאָגט ניט. וואָס איז נאָך ניטאָ.

29. און ס'איז אַזוי די פאָרמע, פון צווייטן זייט, וואָס גייט נאָך דעם פאַרב, דעם אידישן לאָקאַלן קאָליר, צו רייצן טראָ־ציק אַלע פעט־אָפּגעפרעסענע, אָפּגעלעבטע שטיקער פלייש פון טראַדיציע אַנטקעגן, אַז זיי זענען אַלע גאָרניט.

30. די טראַדיציע פון קלאַסישער פאָרם אידיש לעבן אין ליד איז צו קיינעם פון די אָפּגעלעבטע מנחם מענדלס ניט גע־בונדן, ווען ער, זישא לאַנדוי, לויפט מיט איר, און נאָך איר, אַזוי גייציק הונגעריק נאָך, צו עפּעס ניט־דאָאיקייט: צו יענעם באַגער וואָס איז פאַר אים נאָך ניטאָ; צו אַזוינס וואָס זאָל אים אין ליד צוריקברענגען צו דעם, וואָס איז נאָך גאָרניט ניט.

31. פיגוראַטיוו איז דעמאָלט אַנטקעגן דעם בלוי פון ניט־דאָאיקייט געשטאַנען גאַנץ שטייף אַ בלאַסער פאַרב ליריק, זייער אָרעם און זיין סאָציאַל־נאַציאָנאַלן פאַרנעם, וואָס זאָל מאָדערניזירן קאָלאָריט אין בלוט און פלייש פון לע־בעדיקן אינטערעס. —

32. יוסף ראָלניקס ליד איז פאַקטיש דער שפּיגל פון פאַקט.

33. דאָס ליד באַטאָנט אפשר די אַלע שוואַכע און שטאַרקע מאָטיוון פון דער עפּאָכע, פאַר יענע, אַפילו, מיט אַ גאַנץ באַשרענקטן וויסן פון די אומשטאַנדן, וואָס פירן אַזוי צו די מאָטיוון.

34. אָט די נאָענט מענטשלעכע ווערטער פון ליד זענען דאָך אַזוי נאָענט צו מענטשן; זענען דאָך אַזוי נאָענט צו דער אַנטי־טעזע פון ווערטער־דעקלאַמאַציע, וואָס פּראָקלאַמירט

אַלע טאָג אַ שופר פון אַלטן, ספר־אָפּגעלעבטער פּראָבלע־מאַטיקע.

35. אָבער ווי קאָנטראַסטיק זיי זענען אַנטקעגן דעקלאַמאַציע־פּראָקלאַמאַציע, זענען זיי דאָך אויך אַזוי ווייט פון פאַרביק לעבן, וואָס זינגט אייביק יוגנט, וואָס טאַנצט דעם מאָרגן־טאַנץ פון יונג־געלעכטער, פון נייעם לעבן אויס. —

36. וואָס ער אַליין הערט, און אַלע האָבן געהערט, און זיין ניי ליד הערט מיט.

37. און ער הערט דאָס ניט נאָר אין זיין ליד, ער הערט דאָס אין יעדן ליד; אין יעדן באַגער צו ליד, וואָס איז אין אייביק לעבן, וואָס וויל קיינמאָל, און קען קיינמאָל ניט אויפהערן.

38. ווערט עס אַזוי ליכטיקער ס'גאַנצע לעבן וואָס ער האָט מאָדנע פריער געקענט פון ערגעץ אַנדערש, און איצט נעמט ער עס הערן פון זיך אַליין טאַקע.

39. וואָס איז אידיש? האָט ער דאָך געמיינט, אַז ס'פאַנגט זיך אָן אין יענעם ערגעץ אַהינטער „מאָסיע באַלשעם״, און זיינע פרעמדע זיידעס.

40. דאָס קען ניט זיין. ער זעט דעם אָנפאַנג גאָר פון אים אַליין. אַן אייביק־אָנפאַנג. אַן אייביק ניי. אַזוי אַלט, ווי אַזוי ניי־אייביק.

41. איז עס ווי אַ טאַנץ פון אַ קאָמעדיע. ס'קען ניט זיין פּונקט ווי ס'איז, און ס'קען יאָ זיין. עס פאַנגט זיך ניט אָן מיט אים. ער ווייסט אַ טראַדיציע.

42. די טראַדיציע פון אידיש ליד איז אַזאַ קאָמעדיע, וואָס שטייט אַזוי און שפּילט אַ שאַרזש, וואָס עס איז גאָרניט געשען.

43. דאָס אייביק־געפֿיל וואָס ער קען זען ווי אַ גאָרניט, ווײַל ער איז ניט אַרײַנגעקומען. ניט געלעבט, און ניט מיט־געלעבט.

44. אָבער ער איז צוגעקומען. זײַן ליד זינגט עס. און אָט זעט ער די פֿאַרביקייט, וואָס דער מאָרגן־רויט דאַרף ערשט מאָרגן אויסשפּרייטן.

45. ער וועט שוין זיכער אין דעם ניט זײַן: אין דעם לעבן. זײַן גאַנצער גאַנג איז דאָך אַנטקעגן ווי אַ גאָרניט ניט געשען.

46. אָבער זײַן ליד אין שוין דאָ. זײַן ליד אין זײַן אייגן גאַנצן פֿלאַטערן. זײַן ליד אין זײַן אייגן גאַנצער פֿאַרב.

47. און איז עס דען זײַן פֿאַרב אַליין; און איז עס דען זײַן פֿער־זענלעך ליד אַליין?

48. ער האָט געפֿילט אַזוי העפּטיק, ווען ער האָט פֿאַרענדיקט דעם פֿערטן טייל, אַז ס'איז אַ סך מער ווי אַ פּערזענלעך ליד. ער האָט אַזוי פֿיל ווײַנען געטרונקען פֿון לידער, אַז ער האָט שוין צוגעוואוינט זײַן אייגן פּערזענלעך ליד צו אַ באָרמאַל, קיינמאָל ניט שיכור ווערן, — און דאָ איז ער אַליין שוין שיכור פֿון זײַן ליד, ווי נאָר ער פֿאַרזוכט עס.

49. דאָס איז געווען זײַן שפּיץ אידעאַל, וואָס ער האָט דער־גרייכט. און ווײַטער איז שוין אויף יענער זײַט.

50. די טראַדיציע האָט עס גלייך אָפּגעטיילט.

אָ, וויפיל ריחות . . .

אָ, וויפיל ריחות אויף דער וועלט פאַראַנען!
עס שמעקן שטעט און דערפער, גאַסן און פאַבריקן;
עס האָט זיין ריח פאַרצעליין; נשמות שמעקן;
ס'האָט יעדער שטאַנד זיין דופט און יעדער דור;
עס שמעקן קעגנשטאַנדן, לייבער און באַגריפן,
עס האָבן זייער דופט מלחמות, לידער און געפילן,
א. אַ. וו., א. אַ. וו., א. אַ. וו., א. אַ. וו.

און פון דעם דופט, אין וועלכן ביסט געבוירן,
וועסטו זיך קיינמאָל ניט באַפרייען!
פון אַלע קייטן, תפיסות איז ער שטאַרקער
און אום'רחמנות'דיקער נאָך.

אָ, דו —
קוים באַמערקטער דופט פון מיינע וואונדערבאַרע לידער!
פון יענע לידער, וואָס איך האָב געשריבן
פון דער, פאַר דער, צו דער, וואָס איך האָב ליב און וואָס
האָט מידע, פוילע, נאָכגעביקע גלידער, —
אָ, דיך
פאַרנעמען וועט בלויז יענער,
וואָס גייט ניט־דאַאיק און אין לעבן,
און טראָגט אויף זיך די משא, וואָס פון איר
דערלייזן וועט אים אפשר בלויז דער טויט.

אָ, דופט פון מיינע וואונדערבאַרע לידער!

(זייט 149 אין זישאַ לאַנדויס לידער)

קאַפּיטל יח

די ריין־פּערזענלעכע ליניע אין דער שפּיל און די אויסער־לעכע ליניע. די טראַדיציע פון מאָרגן, וואָס מוז ערגעץ נאָכקומען אין אַ היינט, וואָס איז נאָך ניט. דער הונגער און דראַנג אין ניי אידיש ליד עפּנט אויף אַ ניי בלאַט פון „עס איז גאָרניט — ביז איצט — ניט געשען".

1. אַז מיר גייען אָפּ אַ טריט פאָרויס פון בילד זישא לאַנדוי, וואָס איז פיקסירט אין זיין איין־איינציקן בוך, באַדוירען מיר די לאַגע און דעם לאַגער איצטער, וואָס איז גאָרניט קיין גינסטיקער, פאַר דעם ריכטיקן אָנזען פון דעם בילד.

2. די גאַנצע לאַנדשאַפט־ליטעראַטור, מיט די צוויי קלאָר־געצייכנטע פּאָליוסן: (1) וואָס קומט־נאָך דעם אַלגעמיי־נעם פאַרלאַנג, און (2) וואָס קומט פאַר דעם. — מוז גראָד איצט, און דאָס איז אַן איצט זינט יענעם 1טן טייל פון זישא לאַנדויס קאָמעדיע, — מוז צוליב די פאַקטן אַרום, וואָס האַמערן מיט זייער אייזנשטאָף, — אָננעמען יענעם שווערן פּערזענלעכן כאַראַקטער.

3. קומט דאָ אַריין דער נויטיקער צופאַרב, אַ ביסל צו פאַר־מענטשלעכן די קאַריקאַטור־ליניע פון גאַנצן קידער־ווידער. אָבער ס'איז גאַנץ ווייניק פאַר יענעם פּאַסטאָראַל, וואו די בילד־ליטעראַטור זאָל קענען געשטעלט ווערן.

4. דער שטאַמפּ פון איצט, ליגט דערפאַר, ניט נאָר אויפן ראַם, אויפן קרייז, נאָר ליגט אויך אין גאַנצן פאַרב פון בילד; טיף אין די ביינער פון דער גאַנצער ליטעראַטור פון איצט.

5. דאַרף מען עס גאַרניט אָנווייזן מיטן רויטן טינט. ס'איז דאָ.

6. איז דערפאַר דער פּאָרטרעט דאָ אַוועקגעשטעלט עקזאָ־טיש.

7. סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער סילועט ווערט דאָ געשטעלט אין בלאָס־לעבעדיקן אידעענגאַנג, אַנטקעגן שווער־פער־זענלעכן יחיד, וואָס רעאַגירט — און פאַרלירט.

8. דער באַנקראָט, דער געשריי פון גאָרניט געווינט. און דאָס מאַכט נאָך שווערער דעם שווערשטאָף־פערזענלעכ־קייט.

9. שטיל ווי זיי זענען, די פאַרבן פון פּאָרטרעט, קלאַפּן זיי דאָך רויט, צוליבן פאַקט אַליין, וואָס רויט איז אין הינטער־גרונד.

10. די שטילע פאַרבן ליידן פון ביט־נאָרמאַלער עקזאָטיק, וואָס צינדט זיך דאָ פון דער ביט־נאָרמע אַרויס.

11. מיר באַצייכענען דאָס, ניט ווי אַ פּאַרלוסט פאַר דעם בילד. דאָס איז פאַקטיש נאָר דער צייכן, וואָס ווייזט אָן, פון וואַ־נען פאַרבן קומען.

12. ניט זישא לאַנדוי איז געווען דער, וואָס זאָל אַוועק פון פאַקטן.

13. ווי די שווערע פאַקטן האָבן געהאַמערט פּראָזן און איינ־ציקע ווערטער; ווי די אַרומיקע טרוקענע טאָג־טעגלעכע היסטאָרישע רינגען האָבן געקייטלט זישא לאַנדויס קרייז, און אין בילד אַריין אין דער קאָמעדיע אין פיר טיילן, — איז גאָר אַן אַנדער סאָרט אַרבעט, ווי מיר פּרוּוון דאָ. איז אַן אַרבעט פון צעגלידערן בילדער, זאַצן, און ווערטער, אָ נ ווייזנדיק ווי זיי ווערן געצוואונגענערהייט.

14. נעמט דאָס וואָרט „בעת", וואָס ווערט גענוצט אין אידיש זינט יענעם אויפקום פון פּאַרטיי־ליטעראַטור. כשר איז עס אפשר אין אידיש, אָבער דאָך גאַנץ פרעמד. אַריינגע־האַמערט מיטן כוח פון רבינס טיטל אין גראָבע קעפּ, וואָס קענען בשום אופן ניט באַנעמען דעם רבינס תורה, און גערעדט ניט אין זייער לשון.

15. דער וואָרט „דאַן", וואָס ווערט אַ סך גענוצט אין זישא לאַנדויס קאָמעדיע, אויפגעקומען פון שונדישן שמ"ר־ראָמאַן מיט זיינע דייטשיזמען. ס'וועט קיינמאָל ניט כשר ווערן אין אידיש. כאָטש אַזוי פיל שוין גענוצט געוואָרן.

16. אַזעלכע איינציקע ווערטער, אַ ביישפּיל, צווינגען דעם גאַנצן בוי פון אידישן זאַץ, דעם גאַנצן בילד פון עטלעכע זאַצן געבונדן, צו געבן גאָר אַן אַנדער פאַרב פון וואָרט־קלאַנג אין דער גאַנצער קאָמפּאָזיציע.

17. צווינגט אַ פּערזענלעך שטיק לעבן אין וואָרט, אַנצונעמען דעם פּנים פון פּראָזע.

18. ווי דען אַנדערש קען זיין בילד פון לעבן, אין ליד און זאַץ, געמישט פון „דאַן" און „בעת", צום יונגן נייעם לעזער אין אַמעריקע, ווייט פון די און אַזעלכע ווערטער?

19. גענוג צו זאָגן, אַז אַלע צייטונג־ראָמאַנען זענען געשריבן אין שמ"ר־שפּראַך. די ראָמאַנען־אַרבעט זענען אַ קוואַל פון פּרנסה צו אַ סך גע'שופר'טע שאַפער און בויער פון אונזער ליטעראַטור.

20. אַזוי קען מען באַמערקן, אַז די טאָן־געבער און קולטור־פאַרבער אונזערע זענען די פּאַרטיי־דאָגמאַטאָרן און אַגי־טאַטאָרן.

21. אַ פרע־היסטאָריש בילד פון אידיש וואָרט פאָרמאַציע. —

22. פֿאַרטיימאַן מיטן מלמד־טייטל קומט אין אַמעריקע צו זײַנע פֿאַרטיי־יונגעלײַט, וואָס זענען שוין טאַטעס, מיט יענער פֿאַרטיי־טראַדיציע פֿון אַזעלכע ווערטער ווי „בעת" און „העברעאיש" וואָס, ווי האַרט זיי זאָלן אין אידישן בויזאָץ זיין, איז דאָס תורה, און קולטור, פֿאַרן נייעם דור, פֿאַר זייער אַמעריקאַניש־אידישער שול.

23. פֿאַרטיימאַן צוזאַמען מיט ראָמאַן־מאַן בינדן עס דעם סינטעז פֿון אידיש־קולטור. —

24. די גאַנצע סאָציאַל־נאַציאָנאַלע ליניע, וואָס ווארפט עס צו דעם פֿאַרב אויפֿן בילד פֿון „עס איז גאָרניט ניט געשען", איז אין קלעם פֿון דער קולטור,

25. און עס לאָזט זיך הערן גאַנץ שטאַרק. —

26. דער פֿאַקט וואָס דער גאַנצער קרייז זישא לאַנדויס איז זיך צעגאַנגען אין צייטונגערײַ — זאָגט אַ סך אין דעם בילד.

27. דער קרייז איז צעפֿאַלן און גאָרניט. האַמערן און יאָמערן אַרויס די ווילד־פֿרעמדע „טראַדיציעס" פֿון רבי־פּראָקלאַמאַציע און זשאַרגאָניזמען פֿון ראָמאַנען און טאָג־בלעטער. דאָס האַמערן זיי און יאָמערן זיי „קולטור".

28. אַנטקעגן זיי, אַנטקעגן די טראַדיציעס, ליגט אין מיסט דאָרטן צעטראָטן נאָך „אַ פֿרעמדע טראַדיציע". זעט זיך אין אַ „גאָרניט" אַרויס — —

29. די טראַדיציע פֿון אידיש ליד. וואָס מוז נאָך ערשט באַשאַפֿן דאָס אידיש וואָרט, וואָס איז נאָך אין ערגעץ ניטאָ. נאָך ניט געבוירן פֿון אַ נייעם טאָג־פֿאַרב.

30. נייע ווערטער האַמערן נאָך אין „גאָרניט" אַריין. נייע טעג קומען. שטויב שוין דאָ. שטויב פֿון „גאָרניט" אויף דער ערד אונטערן טראָט.

31. נייע ווערטער פֿאַרבן שוין די טראַדיציע וואָס איז נאָך „גאָרניט". אַנטקעגן טאָג־טעגלעכער געבראַכטער טראַדיציע פֿון האַמער, שטאָל, און אייזן.

32. נייע ווערטער זוכן אין נייעם טאָג דעם קרייז. פֿאַרבן זיך קאָלירן פֿאַר בילדער פֿון נייעם קרייז. ניטאָ נאָך דער קרייז.

33. טריט נאָך טריט קומט אַרויס ניי ליד. ווי זי נויטיקט זיך אין קרייז, וואָס זאָל צונויפקייטלען די נייע ווערטער אין פֿאַרביקע בילדער, און שאַפֿן לעבעדיקע טעג פֿון נייעם היינט, נייעם מאָרגן, פֿון ניי־אידיש ליד. —

34. און „גאָרניט" קען דאָס ניט טאָן.

35. און די טראַדיציע אין „גאָרניט" לעבט. כאָטש זי קען גאָרניט טאָן. זי לעבט, כאָטש אָן טעג נייע, אָן ווערטער נייע און לעבעדיקע פֿאַרבן.

36. זי הונגערט, און לעבט.

37. יענע אַלטע טראַדיציעס וואָס זענען קיינמאָל ניט יונג געווען אין דעם לעבן דאָ. — לעבן אויף דעם פֿלייש און פֿעט, ווערן פֿליישיקער און פֿעטער, צעפֿרעסנדיק אַלע נייע פֿאַרבן, וואָס איז פֿאַר זיי גאָרניט ניט. — —

38. און די יוגנט ליידט הונגער, צוליב זיי.

39. און די יוגנט האָט ניט יענעם קרייז, וואָס קען איר צו אירע נייע פֿאַרבן צופֿירן, צו אירע אייביק־יונגע און אייביק־אַלטע טראַדיציעס ברענגען, צום אייביקן אינטערנאַציאָנאַל־נאַציאָנאַלן פּנים אירן.

40. אַזוי איז צעטיילט יוגנט און אַלט. און אין מיטן, אַ גרויסע כינעזישע וואַנט, — גאָרניט ניט.

41. ביידע, יוגנט און אַלט, מוזן צוקומען און גוט קענען דעם גאָרניט ניט, וואָס טיילט זיי אַזוי אָפּ.

42. פאַר ביידן איז די בילד „עס איז גאָרנישט ניט געשען" אַ מיטלפּונקט, וואו זיי קענען זיך באַקענען.

43. דער קאָמפּאָזיט פון זיי ביידן, איז זישא לאַנדוי, ווי ער האָט זיך דאָ געמאָלן — —

44. און ווי ער, און דאָס בילד, צעשוואומט אין פאַרב פון ליד זישא לאַנדוי —

45. און ווי דער גרענעץ פון יונג־אַלט לייזט זיך אויף אין ליניעס אין ניי געזאַנג פון נאָך גאָרניט ניט.

46. אַזוי אינטים־אייגן ניט נאָר צו זיין אייגן פּערזענלעכער אינטימיטעט, נאָר צו אַלעמענס אינטים־אייגן. צו אַ וועלט־ליד.

47. און צו אַן אייביק אַזאַ, וואו איצט איז אַזוי שאַרף אין זיין גאָרניט, און מאָרגן זינגט שוין אַנטקעגן.

48. הונגעריקע אויגן וואַרטן, אין גאָרניט.

49. הונגעריקע אויגן, וואָס שפּיגלען שוין די פאַקטן, נאָך איי־דער זיי קומען.

50. דער נייער פרימאָרגן גייט שוין אויף, אָט שוין אויף, אין געזאַנג.

איבער זיבן ימים

איבער זיבן ימים, איבער טעג און וואָכן,
איבער לייכט פאַרבראַכטע אָוונטן און רייד,
האָט שוין אונזער שיף דעם נעפּל דורכגעבראָכן,
און אין ווינט שוין אונזער ווייסער זעגל ווייט.

און ווי קאַלטע זיילן גלאָצן שוין די בליקן,
בלינד איז אונזער וואָרט, וואָס האָט געררוישט ווי ווייַן; —
איך וועל היינט ביינאַכט נאָך זיך דערשטיקן,
אָדער כ׳יאָג אַ קויל מיר אין דעם מויל אַריין.

(זייט 204 אין זישא לאַנדויס לידער)

דזשאָנאַטאַן. (גערעדט 2 בײַ ...)

רעבעקאַ! דײַן גערעדטער בריוו נאָר וואָס באַקומען.
מיר האָבן נאָך קיינמאָל אַזעלכע ניט געשריבן
ווי אַזאַ אַ ליבע לעבעדיקע. אַזוי ווי מיר האָבן
זיך פֿאַר [illegible] געזען. גערעדט אַוודאי האָבן
אַלע פֿאַרגעסן [illegible] פֿינגער
דאָס וואָס צו שרײַבסט מיר, אַז ניט [illegible]
[illegible]. ווי צו האָסט זיך אויס גערעדט: [illegible]
שטימונגען. איך ווייס ניט וועלכע [illegible]
און וועלכע ניט. איך וויל געדענקט: וועלכע
[illegible] און וועלכע מיאוס. דאָס וויל דאָך
געוואָרן [illegible]. זאָלסט ניט זײַן
[illegible] "מיאוס". איך האָב געשטעלט: ניט [illegible]
געוואָלט האָב איך אויך געזאָגט: אַז [illegible]
ליגן. ניין! קיין ליגן [illegible] זאָלסט ניט
זײַן. גוט, וואָס צו האָסט מיר אויפֿגעלייענט
דאָס, וואָס איך האָב געשריבן [illegible] ניט
געקענט. איך וויל דאָס ליבע [illegible] ניט
אויפֿשרײַבן: דאָס וואָס דײַן בריוו זײַן [illegible]
[illegible] פֿון דײַן [illegible], [illegible].
ווי וויכטיק צו [illegible] זיך [illegible] מיר אין
דײַן [illegible] [illegible]!

מה ס'איז פֿון דײַן זאָגסט צו זאָגן, וועל איך הײַנט
זיך [illegible] פֿינסטער דער זאָגן און נאָך [illegible],
מיט [illegible] מיר אַרויסדריקן געפֿרעגט: איך
דער [illegible] [illegible] און [illegible] [illegible], ווי [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible].
אַלץ, ברייטל.

און ענדיקן ענדיקסטו דײַן בריוו: פֿאַר מיר
איז נאָך וויכטיק וואָס דו האָסט מיר [illegible]
נאָר ווי דו האָסט מיר [illegible].
ברייטל, וואָס מיינט דײַן [illegible] אַלץ
[illegible]?

און מיר, ברייטל, איז נאָך וויכטיק
וואָס דו האָסט (נאָך [illegible] [illegible]
[illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible]
[illegible] [illegible] נאָך, ווי איך אויסדריקן) מיט מיר. ע. פּ.
[illegible] ווי [illegible] וואָס [illegible] [illegible] –
און [illegible] [illegible] צו [illegible], ברייטל.
פֿאַרגעסן זאָלסטו זײַן געזונט.
[illegible] [illegible] [illegible]!
[illegible] – [illegible]. וועלן וואָס [illegible] [illegible], וואָס
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]?

[illegible]

אינהאַלט:

אַריינפיר

וועגן דער מאָנאָגראַפיע און וועגן אַ רעוויזיע. די היסטאָרישע וועגן פון דער רעוויזיע.

קאַפּיטל א

זישאַ לאַנדוי, ריטער פון ניט־רעאַלן וואָרט. אַ כאַראַקטער, וואָס שטעלט זיך אין אַ פּאָזע אַנדערש, ווי פאַקטן שטעלן אים פאָר.

קאַפּיטל ב

דאָס בוך קאָמעדיעס — אַ רעזולטאַט פון 20 יאָר זוכן פאַרב און פאָרם אין פּערפעקציע.

קאַפּיטל ג

ווי זישאַ לאַנדוי וואַקסט־אויס פון דאָגמע־סטאַנדאַרד אין זיינע לידער ביזן אייגענעם סטאַנדאַרד אין די קאָמעדיעס.

קאַפּיטל ד

די קונסט פון זישאַ לאַנדויס נאָרמאַלן לעבן, אָן דער נאָרמאַלער באָדן־מעגלעכקייט. און אַ שטיקל ברויט מאַכט דאָ אַ וועזן.

קאַפּיטל ה

פאַר זישאַ לאַנדוי דעם וואָרט־קינסטלער איז דאָג־מע — סם, וואָס לאָזט ווייטער ניט לעבן. סטאַנ־דאַרד ווערט ביי אים חוזק, און ווייזט אים אָן די ליניע פון „עס איז גאָרנישט ניט געשען".

קאַפּיטל ו

זיין אידיש ניט־דאַאיקייט קומט צו דער דאַאיקייט און נעמט פאַרבן אַ טאָן. דער קאָמעדיע־פאָרמאַט געשטעלט אַנטקעגן פאַרערלעכטן וואָרט, וואָס איז אַ חוזק אין פאַקט.

קאַפּיטל ז

פאַרבן וויזן פּנים. די שפּיל שאַרפער אין גראָ־טעסק, מער אין קאָנקרעטער לירישער ניט־דאַאי־קייט, וואָס וויזט אַ מאָדנעם ניט־גאָר פּאָזיטיוו. די פאָרם אינטריגירט אים. זי וויזט זיך אין ערש־טער געשטאַלט: „דער בלויער נאַכטיגאַל״. 1טער טראַט, און וואָס ווייטער?

קאַפּיטל ח

„בלויער נאַכטיגאַל״, — 1טער טייל פון בוך קאָמע־דיעס. זיין ליד פּיקסירט אין אַ שאַרף ריין־פער־זענלעכן קאָלאָריט, וואָס איז זישא לאַנדוי אין אַק־ציע. זישא לאַנדוי נאָך 30.

קאַפּיטל ט

דער ריין־לירישער „בלויער נאַכטיגאַל״ קומט נאָ־ענט צו יענער טראַדיציע־פאַרביקער אידישקייט, וואָס איז רויט, צו־שאַרף פאַר אים, ווייל ניט זייער באַקאַנט צו אים: רויט־וויין, זיין ליד, צעשפּילט זיך שאַרפער אין שפּיל, צוליבן ריין־פערזענלעכן אמת, וואָס איז אַזוי רויט־שפּילעריש אין זיין בלוט, כאָטש ווייט פון אים אין פאַרנעם.

קאַפּיטל י

די ליניע פון זיין נאָרמאַל אויסוואַקסן צו פאַרשטיין פאַרבן און ווערטער. ווי ער קומט־צו ניט גלייך, נאָר פאַרקערט, צו זיין אידישער ליניע.

קאַפּיטל יא

„שיפּע זיבעלע" — אין קאָמעדיע־ליניע. „שיפּע זיבעלע" 3טער טייל פון דער קאָמעדיע, וואָס שפּילט נאָך ווייט אַריין ביזן סוף פון 4טן טייל, — ווייזט ווי די קאָמעדיע „עס איז גאָרנישט ניט געשען" שפּילט „דעם דורכפאַל פון זיין לעבנס־אידעאַל", דעם ניט־מעגלעכן אויסלעבן זיך פון זיין ליד.

קאַפּיטל יב

פרישער קאַליר, אַנטקעגן אַלטן קאַליר חוזק. ווי אַזוי זישא לאַנדוי, מייסטער פון קאַליר און וואָרט, קומט־צו צום אידישן וואָרט אין לעבן. דאָס לעבע־דיקע אידישע וואָרט, וואָס ער האָט געזוכט, און וואָס עס מאַכט מיט איר מאַכט איבער אים.

קאַפּיטל יג

זישא לאַנדויס פּאָזיציע אַנטקעגן זיינע חברים. זיין פאַמיליען־לעבן. די סאָציאַל־דאָאיקע אַטמאָס־פער אַנטקעגן זיין חברים־קרייז־אַטמאָספער.

קאַפּיטל יד

זיין אַקטיווער סאָציאַלער פאַמיליען־לעבן גייט נאָך די פאַמיליען־טראַדיציע אין אומבאַוואוסטזיין. ווי ער ווערט ניט און דאָך יאָ ער. שרה בת טובים און בעל שם און זיין זיידע און באָבע. די פאַרקערטע זייט פון זיין קאָמעדיע־ליד.

קאַפּיטל טו

דער שאַרפער ליניען־פּאָרטרעט, וואָס פאַרגאַנצט אַלע פיר טיילן פון דער קאָמעדיע. די ניט־דאָאיקייט זיינע און ווי זי רעאַגירט אין לייכטן לירישן אַנרעג צום סאָציאַלן אַקט, און שפּיל. אַנזאָג פון זישא לאַנדויס ניי ליד.

קאַפּיטל טז

די נויטיקע סאַטירישע אַקציע פון שפּיל. די היי־מישקייט פון זישא לאַנדוי מיטן גאַנצן אַנסאַמבל אין „עס איז גאָרנישט ניט געשען". ניט־דאַאיקייט אין אַ צייטיקן זיך איידער עס צייטיקט דאַאיקייט. אַפּאַ־לאָגיע צום אידישן טאָן, וואָס ווערט געמאָסטן אין ניט־אידישן טאָן.

קאַפּיטל יז

ווי אַזוי אידישער טאָן צווינגט אידישע פאָרם. דער ספּעציעלער אידישער פאַרב, און ווער געווינט פון דעם. די טראַדיציע פון אידישן ליד, און איר אינ־טערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער.

קאַפּיטל יח

די ריין־פּערזענלעכע ליניע אין דער שפּיל און די אויסערלעכע ליניע. די טראַדיציע פון מאָרגן, וואָס מוז ערגעץ נאָכקומען אין אַ היינט, וואָס איז נאָך ניט. דער הונגער און דראַנג אין ניי אידיש ליד עפנט אויף אַ ניי בלאַט פון „עס איז גאָרנישט — ביז איצט — ניט געשען".

בילדער: זישא לאַנדוי — שער־בלאַט.
זישא לאַנדוי — פאָדערבלאַט.
18־יעריקער זישא — זייט 92.
העלענע לאַנדוי, זיין מוטער — זייט 11.
האַנטשריפטן: גאָט פון אַברהם... — זייט 11.
זישעס בריוו צו זיין פרוי רייזעל — זייטן 155־156.

ניו־יאָרק, 1946

דרוק־פעלער: די לעצטע שורה פון נומער 27 אויף זייט 48 קומט אויף זייט 63 — 2־טע שורה נומער 17.